STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04858

DI ARBEYTER UN DI GEZELSHAFTLIKHE KLASEN

Ferdinand Lassalle

*Permanent preservation of this book was made possible
by Larry & Sima Petri
in memory of
Hyman Waisbrot*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „די וועלט“

פֿ. לאססאל.

די ארבייטער און די געזעלשאפטליכע קלאססען.

פרייז 8 קאפ

Рабочіе и общественные классы

Рѣчь о значеніи рабочаго класса въ Германіи

переводъ съ нѣмецкаго

Вильна, Типографія И. І. Пирожникова, Завальная улица № 1147

1906

פערלאג „די וועלט“

פ. לאססאל.

די אַרבּייטער
און די
געזעלשאפטליכע קלאססען.

איבערזעצט פון דייטש.

דרוק פון י. פיראָזשניקאָוו.

פרייז 8 קאפ.

Ф. ЛАССАЛЬ.

Рабочіе и общественные классы.

Рѣчь о значеніи рабочаго класса въ Германіи.

Переводъ съ нѣмецкаго.

Дозволено цензурою. Вильна 1 Февраля 1906 г.

דאס ארבייטער פראגראם.

מיינע הערען!

ווען מען האט מיך איינגעלאדען צו האלטען פאר אייך א פארטראג (פארלעזונג), האב איך געפונען פאר נויטיג אויס-צוקלייבען אזא פראגע, וועלכע זאל אייך בעזאנדערס אינ-טערעסירען און וועלכע זאל זיין בעארבייט אויף א שטרענג וויסענשאפטליכען ארט. איך וויל דא רעדען וועגען דעם ספע-ציעלען צוזאמענהאנג צווישען דעם כאראקטער פון דער היינטיגער עפאכע, אין וועלכער מיר לעבען און דער אידעע פון דעם ארבייטערשטאנד*).

ווי איך האב שוין בעמערקט, וועט מיין פארטראג זיין שטרענג וויסענשאפטליך; אבער אמת'ע וויסענ-שאפטליכקייט בעשטעהט אייגענטליך גאר אין פאלקאמע-נע קלארהייט; זי פאדערט, דאס אללעס זאל זיין דייט-ליך ערקלערט און בעוויזען, און קיין זאך איידער זי איז פלאשטענדיג ערקלערט, זאל ניט זיין אנגענומען ווי שוין עפעס בעוואוסט און בעשטימט.

אט צוליעב דעם, אז אללעס זאל זיין קלאר אויפגעווי-זען, וועלען מיר מוזען אין דעם גאנג פון אונזער רעדע דייט-ליך ערקלערען אפילו דאס, וואס פארשטעהען מיר אונטער

*) לאססאל האט געברויכט דעם אויסדרוק „ארבייטערשטאנד“ אנשטאט דעם געוויינליכען אויסדרוק „ארבייטערקלאסס“. און דעריבער וועלען מיר ברויכען אומעדום דאס ווארט „ארבייטערקלאסס“ דארט וואו לאססאל ברויכט „ארביי-טערשטאנד“.

דער איבערזעטצער.

דעם וארט „ארבייטער“, „ארבייטערקלאסס“. אפילו דאס קענען מיר אויך ניט אננעמען ווי א געוויסע בעשטימטע זאך, וועלכע מען דארף גאר ניט ערקלערען. בשום אופן ניט! אין דער אללטעגליכער שפראך ווערען די ווערטער „ארבייטער“, „ארבייטערקלאסס“ געברויכט אין פערשידענע זיננען, און דעריבער איז אונז נויטיג צו ערקלערען, וואס פארשטעהען מיר אונטער דיזע ווערטער.

דערווייל איז עס אבער נאך ניט דער ארט דערצו, מיר וועלען אנהייבען אונזער פארטראג מיט אן אנדער פראגע.

דער ארבייטערקלאסס איז נאר איינער פון די פיעלע קלאססען, פון וועלכע די היינטיגע געזעלשאפט באשטעהט. ארבייטער זיינען געוועזען אין אללע צייטען, ווי איז עס אלזא מעגליך און וואס פאר א זינן האט עס, דאס עס קען עקסיסטירען א ספעציעלער צוזאמענהאנג צווישען דער אידעע פון איין בעשטימטען קלאסס און דעם אללגעמיינעם כאראקטער פון דער היסטארישער עפאכע, אין וועלכער מיר לעבען?

אום דיזעס צו פערשטעהען, מוזען מיר, מיינע הערען, ווארפען א בליק אין די היסטאריע, אין די פערגאנגענהייט, וועלכע — אויב מען פערשטעהט זי נאר ריכטיג — קען אונז איממער ערקלערען די בעדייטונג פון דער היינטיגער צייט, ווי אויך אנווייזען ווי די צוקונפט וועט אין אללגעמיין אויסזעהען.

דיזען איבערבליק מוזען מיר, מיינע הערען, מאכען זא קורץ, ווי נאר מעגליך, ווייל אנדערס קענען מיר ריזיקירען גארניט צו קומען צו דער הויפט-זאך פון אונזער פארטראג אין די קורצע צייט, וואס מיר האבען דא פאר זיך צו רעדען.

נאר ניט קוקענדיג אויף דיזע געפאהר, מוזען מיר דאך ווארפען חאטש א'ן אלגעמיינעם איבערבליק אויף די פערגאנ-גענהייט, ווייל נאר אזא איבערבליק קען אונז געבען די מעג-ליכקייט צו פערשטעהן דעם זינן פון אונזער פראגע און צו געבען אויף איהר א ריכטיגען ענטפער.

ווען מיר ווילען זיך אומקעהרען צו דער צייט פון מיט-טעלאלטער*), ווילען מיר געפינען, דאס אין יענער צייט זיינען אויך געווען דיזעלבע שטאנדען און קלאססען ווי אין היינטיגער צייט, חאטש זיי זיינען דאן נאטירליך ניט געוועזען אזוי ענטוויקעלט ווי יעטצט. אבער ווייטער געפינען מיר, דאס אין יענער צייט האט איבעראל בעזאנדערס געהערשט איין שטאנד און איין בעשטימטער עלעמענט פון געזעלשאפטלי-כען לעבען, דאס איז געווען דאס ערד-אייגענטהום.

דאס ערד־אייגענטום, מיינע העררען, האט אין דער צייט פון מיטטעלאלטער דעם גאנצען רעדע, געפיהרט, דאס האט ארויפגעלעגט זיין בעזונדערען שטעמפעל אויף אללע איינריכ-טונגען און אויף דעם גאנצען לעבען פון יענער צייט. און דעריבער מוז דאס ערד-אייגענטהום זיין ערקלערט אלס דער היסטארישער פרינציפ פון יענער היסטארישער עפאכע.

די אורזאכע, וואס דאס ערד-אייגענטהום איז דאן געווען דער הערשענדער פרינציפ, איז גאנץ איינפאך. זי נעהמט זיך פון דעםווירטשאפטליכען און עקאנאמישען געבוי פון מיטטעל-

*) די היסטאָריע ווערט געוועהנליך צערטיילט אין דריי טהייל: 1) די אלטע — פון אנפאנג (ד. ה. פון דער צייט, ווען מיר האבען געוויסע נאכריכטען איבער דאס לעבען פון די מענשהייט) ביז דאס אונטערגעהען פון דער רוימישער מלוכה אין יאהר 476 נאך כריסטוס געבורט; 2) די מיטעלעלטער אדער דאס מיטעלאלטער — פון יאהר 476 ביז די שטאדט קאנסטאנטינאפאל איז גענומען געווארען פון טערקען 1453 יאהר, אדער ביז די ענדעקונג פון אמעריקא אין 14 2 יאהר אדער ביז די רעפארמאציאן פון לוטהער אין 1517 יאהר, ווי לאנג מען נעהמט עס אן; 3) די נייע — פון מיטעלאלטער ביז אונזער צייט.
דער איבערזעטצער.

אלטער, פון דעם צושטאנד פון דער דאמאלסדיגער פראדוקציאן. אם ווענינסטענס איז דיזע ערקלערונג דא פאר אונז גאנץ גענוג. דער האנדעל איז דאמאלס געוועזן נאך גאנץ ווענינ ענטוויקעלט און נאך וועניגער איז געוועזן ענטוויקעלט די אינ-דוסטריע. דער הויפט-רייכטום פון דער געזעלשאפט איז דאן בעשטאנען פון אקערבוי-פראדוקטען: פון תבואה, פרוכטען און ד. ג., די אקערבוי-פראדוקציאן האט געהאט א'ן אונענדליך-גרעסערע בעדייטונג, איידער אללע אנדערע ארט אינדוסטריען.

דאס „בעוועגליכע אייגענטהום"*), אין פערגלייך מיט דעם ערד-אייגענטהום, האט דאמאלס געהאט זעהר א קליינע בעדייטונג, און אויף ווי פיעל מען האט זיך מיט אזא ארט אייגענטהום ווענינ גערעכענט — קענט איהר זעהען פון די דא-מאלסדיגע געזעטצען, וועלכע ווארפען שטענדיג א העללען שיין אויף די עקאנאמישע פערהעלטניסע, וואס האבען אט די זעלבע געזעטצען ארויסגערופע. זא צום ביישפיעל: מיט דעם צוועק אז דאס פערמעגען פון פאמיליע זאל שטענדיג איבער-געהען בירושה פון איין דור צום אנדערען און זאל ניט פער-שווענדעט ווערען, ערקלערט דער געזעטץ פון מיטעלאלטער, אז דאס פאמיליען-פערמעגען דייר ׳ מען האט עס דאן גערופען, „אייגענס", טאר מען ט איבערגעבען אדער פער-קויפען אין דעם פאל, ווען די יורשים זייען דערצו ניט איינ-שטימיג, און אונטער דיזען פאמיליען-פערמעגען אדער „אייגענס" האט מען דאן פערשטאנען נאר ער אייגענטהום. פער-קעהרט, דאס „בעוועגליכע אייגענטהום", אדער, ווי מען האט עס דאן גערופען, „פאהרניס" (פון דעם ווארט: פאהרען), האט

*) אזא אייגענטהום, וואס מען קען אריבערפיהרען פון איין ארט אויף דעם אנדערען, ווי למשל: פערד, מעבעל, תבואה א. ז. וו.
דער איבערזעטצער.

מען זיע געמענגט איבערגעבען און פערקויפען אין דעם פאל, ווען אפילו די יורשים זיינען דערצו ניט מסכים. בכלל בעטראכט דער אלט-דייטשער געזעטץ יעדע ארט בעוועגליכע אייגענטום ניט ווי א זעלבסטשטענדיגען, פראדוקטיווען פערמעגען, ניט אלס קאפיטאל, נאר ער האט דאס אלעס בעטראכט אלס פראדוקטען פון דער ערד, ווי לזשל, תבואה, צו וועלכע אלע ארט בעוועגליכע אייגענטום איז געווען פערגליכען. א זעלבסטשטענדיגעס, פראדוקטיוועס פערמעגען האט זיך גערעכענט נאר דאס ערד-אייגענטום און די שטאנדען, צו וועלכע דיזעס אייגענטום האט כמעט אין גאנצען געהערט — און דאס זיינען געווען, ווי איך איז בעקאנט, דער אדעל (פריצים) און די גייסטליכע — האבען צו יענער צייט אין אללע היגזיכטען געבילדעט די הערשענדע מאכט פון דער מיטטעל-אלטערליכער געזעלשאפט, — איז דאס געווען פונקט צוגעפאסט צו דעם דאמאלסדיגען עקאנאמישען צושטאנד און איז געווען א איינפאכער רעזולטאט פון איהם.

וואס פיר איינריכטונגען פון מיטטעלאלטער איהר וועט ניט בעטראכטען, וועט איהר אומעדום בעמערקען נאר דיזע ערשיינונג, ד. ה. די הערשאפט פון ערד-אייגענטום.

פיר אונז וועט זיין גענוג צו ווארפען אין איבערבליק נאר אויף איניגע וויכטיגסטע פון דיזע איינריכטונגען, אין וועלכע דאס ערד-אייגענטום צייגט זיך ארוים, אלס דער הערשענדער פרינציפ.

ערסטענס, איז אויף דיזען פרינציפ געווען געבויט די דאמאלסדיגע ארגאניזאציאן פון דער געזעלשאפטליכער מאכט אדער, ווי מען רופט דאס, „פעאדאלע סיסטעם". ווי איך איז בעקאנט, מיינע הערען, איז דיזע סיסטעם בעשטאנען אין דעם, דאס די קעניגען, פירסטען און ירויכע

פריצים פלעגען אבגעבען צו אנדערע הערען און ריטטער שטיקער לאנד אויף געברויך, און דיזע פון זייער זייט זיינען געווען פערפליכטעט צו העלפען זייער הערר אין אללע זיינע מלחמות און שטרייטערייען, ווי פערזענליך, אזוי אויך מיט א געוויסע צאהל אייגענע מענשען.

צווייטענס, זעהען מיר דיזען פרינציפ אין דער ארגאני־זאציאן פון דעם עפענטליכען רעכט — אין די פאליטישע איינריכטונגען פון דער מלוכה. אין די דייטשע רייכס־טאגען (פארלאמענטען) האבען געהאט פארשטעהער און שטימ־מען גאר פירסטען, גרויסע פריצים און גייסטליכע. אפילו גרויסע שטעדט האבען גאר דאן געקענט האבען פארשטעהער אין רייכסטאג, ווען זיי פלעגט געלינגען צו בעקומען א פריווי־לעגיום (א אויסנאמס־רעכט) צו רעכענען זיך פאר א פרייע שטאדט פון דער מלוכה.

דריטענס, קענען מיר זעהען דיזען פרינציפ אין די שטייער־פרייהייט פון די גרויסע ערד־אייגענטימער, אין דעם, וואס די גרויסע פריצים זיינען געווען בעפרייט פון צו צאהלען שטייערן אין דער מלוכה. מיר זעהען אימער, מיינע הערען, איינע און די זעלבע כאראקטעריסטישע ערשיינונג, דאס יעדער הערשענדער, פריווילעגירטער קלאסס זוכט שטענדיג ארויפצוווארפען די לאסט פון אללע שטייערן אויף די אונטערגעדריקטע און ארעמע קלאססען, מיט וועלכע מיטטלען עס איז: סיי אפענערהייט, סיי פארמאסקירטערהייט — סיי די־רעקט, סיי אונדירעקט. ווען רישעליע*) האט אין יאהר 1641

*) דער בעריהמטער קארדינאל און הויפט־מיניסטער פון פראנקרייך אונטער דעם קעניג לודוויג XIII. ער ווערט גערעכענט אלס איינער פון די גרעסטע שטאאטסמענער און דיפלאמאטען אין דער וועלט. ער האט שטארק געקעמפט מיט די פעאדאלען און האט געזעהען צו פערשטארקען די מאכט פון קעניג.
דער איבערזעטצער.

געפארדערט פון די גייסטליכע 6 מיליאן פראנק אלס אין אויס-נאהמס-שטייער פיר די בעדירפניסען פון דער מלוכה, האט דער גייסטליכער קלאסס דורך דעם ערצבישאף פון סאנס גע-געבען אזא כאראקטעריסטישע אנטווארט: „די אלטע געוואהנהייט פון דער קירכע אין דער צייט פון איהר קראפט איז געווען, אז דאס פאלק האט געדינט פיר אלע בעדירפניסען פון דער מלוכה מיט זיין פערמעגען, דער אדעל — מיט זיין בלוט און די גייסטליכע — מיט זייערע תפילות".

פיערטענס, זעהען מיר ווידער דיזען פרינציפ אין דער פעראכטונג, מיט וועלכער מען האט בכלל געקוקט אויף יעדע ארט בעשעפטיגונג אויסער ערד-ארבייט. אין די אויגען פון ביידע הערשענדע, פריווילעגירטע שטאנדען, דעם אדעל און גייסטליכע, איז געווען א גרויסע שאנדע צו בעשעפטיגען זיך מיט אינדוסטריע און געווערקען, צו פערדינען געלד דורך האנדעל אדער פערשיעדע מלאכות. אנשטענדיג האט זיך נאר גערעכענט צו האבען הכנסות (איינקינפטע) פון ערד-איינענטום.

דיזע פיער וויכטיגסטע פאקטען, וועלכע כאראקטעריזירען אין גרונד א היסטארישע עפאכע, איז גאנץ גענוג פיר אונזער איבערבליק צו בעווייזען, דאס אין דעם מיטעלאלטער איז דאס ערד-איינענטום געווען דער הערשענדער פרינציפ, וואס האט ארויסגעליינט זיין בעזונדערען שטעמפעל אויף אלעס אין יענער צייט.

די הערשונג פון דיזען פרינציפ איז געווען אזוי טיעף איינגעווארצעלט, דאס אפילו דער בויערן-קריעג, וועלכער האט אויסגעבראכען אין דייטשלאנד אין יאהר 1524 און האט זיך פערברייטערט אין גאנץ שוואבען, פראנקען, עלזאס, וועסט-פאלען און אנדערע טהיילען פון דייטשלאנד און וועלכער האט געטראגען די פאנע פון אן עכט רעוואלוציאנערער

בעוועגונג, — איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם פרינציפ פון ערד-אייגענטום, און דעריבער, ניט קוקענדיג אויף זיין רעוואלוציאנערען אויסזעהען, איז ער דאך אין עצם געווען א רעאקציאנערע בעוועגונג. איהר ווייסט, מיינע הערען, דאס די בויערן האבען דאמאלס פערברענט די מאיאנטקעס און פאלאטצען פון די פריצים, די פריצים אליין האבען זיי אויסגעקוילעט, אדער דורכגעיאגט דורך א רייהע אויסגעשטעלטע שפיזען, ווי מען פלעגט אפט טהאן אין יענע בארבארישע צייט, און דאך, ניט קוקענדיג אויף דיזע אויסערליכע רעוואלוציאנערע פארמע, איז דיזע בעוועגונג געווען אינגערליך, אין גרונד גאנץ רעאקציאנער.

דיזע בעוועגונג איז אין גרונד געווען רעאקציאנער, ווייל די דייטשע פרייהייט, וועלכע די בויערן האבען געוואלט איינפיהרען, האט געזאלט, נאך זייער בעגריף, בעשטעהן נאר אין דעם, דאס עס זאל אבגעשאפט ווערען די בעזונדערע פריווילעגירטע לאגע, וועלכע די פירסטען און באראנען האבען פערנומען צווישען דעם קעניג און דער מלוכה און דורך וועלכע זיי זיינען געווען די איינציגע רעגיערער אין לאנד, און אנשטאט זיי זאל אין דייטשען רייכסטאג זיין פארגעשטעלט נאר דאס פרייע און אונאבהענגיגע ערד-אייגענטום; זיי האבען געפאדערט, דאס אין די רייכסטאגען זאל דאס ערד-אייגענטום פון די בויערן און ריטטער, וועלכע זיינען ביז יענער צייט ניט געווען פארגעשטעלט אין רייכסטאג, זאל דיזע ערד-אייגענטום האבען אויך א שטימע און א דעה, גלייך ווי דאס ערד-אייגענטום פון די גרויסע פריצים: פון די באראנען, גראפען און פירסטען, ניט קוקענדיג אויף דעם פריהערדיגען אונטערשיעד צווישען זיי. און אויף אזא אופן האבען די גרויסע פריצים אויך געזאלט זיין פארגעשטעלט אין רייכסטאג גלייך ווי די בויערן.

איהר זעהט אלזא, מיינע הערען, דאס דיזער פלאן האט סוף כל סוף געשטרעבט צו א שטרענגע און ריינע דורכפיהרונג פון דעם אללגעמיינעם פרינציפ, אויף וועלכען עס איז געוועזן געבויט דאס גאנצע לעבען פון מיטטעלאלטער, אבער וועלכער האט שוין צו יענער צייט געהאלטען ביי זיין אונטער-געהען; דיזער פלאן האט געשטרעבט דורכצופיהרען, אז דאס ערד-אייגענטום זאל זיין דער איינציגער הערשענדער עלעמענט און די איינציגע בעדינגונג, וועלכע קען געבען דאס רעכט צו נעהמען א'ן אנטהייל אין די פיהרונג פון דער מלוכה.

די בויערן איז אפילו אויף'ן געדאנקען ניט געקומען, דאס יעדער קען פערלאנגען צו נעהמען אנטהייל אין דער רעגירונג פשוט דארום, ווייל ער איז א מענש, ווייל ער איז א פערשטענ-דיגע בעשעפעניס, אפילו ניט האבענדיג קיין ברעקעל ערד. צו אזא פערשטאנד איז נאך די דאמאלסדיגע געזעלשאפט ניט געוועזן ענטוויקעלט, די דאמאלסדיגע אידעען און שטרעבונגען זיינען נאך ניט געוועזן גענוג רעוואלוציאנער.

און דעריבער איז טאקי די בויערן-בעוועגונג, וועלכע איז פארגעקומען מיט אזא רעוואלוציאנערע בעשלאסענהייט, געווען אין גרונד עכט רעאקציאנער, ד. ה. אנשטאט צו קעמפפען פיר א נייעם רעוואלוציאנערען פרינציפ, איז דיזע בעוועגונג, אליין דערפון ניט וויסענדיג, געשטאנען אויף דעם אלטען פרינציפ, וועלכער האט דאן גראדע שוין געהאלטען ביי זיין אונטער-געהען, ביי זיין אבשטארבען. און טאקי דעריבער, ווייל זי איז געווען אין דער ווירקליכקייט רעאקציאנער, האטש אין דער פארמע האט זי זיך אויסגעוויזען רעוואלוציאנער, איז די בויערן-בעוועגונג צו גרונד געגאנגען.

געגען די בעווענונגען פון יענער צייט, געגען דעם אויפ-שטאנד פון די בויערן פון איין זייט און פון די אדעליגע (אונטער

די אנפיהרונג פון דעם ריטטער פראנץ פאן זיקינגען) פון דער אנדער זייט, וועלכע האבען געהאט איין אללגעמיינעם פרינציפ, אז דער אנטהייל אין רעגירונג זאל זיין נאך מעהר, נאך שטרענגער בעגרינדעט אויף דעם ערדאייגענטום, — געגען דיזע בעוועגונגען איז דאן געשטאנען די שטרעבונג פון די פירסטען צו זעלבסט-הערשונג. זייענדיג בעגרינדעט אויף דער אידעע פון אזא רעגירונגסמאכט, וועלכע זאל זיין אונאבהענגיג פון דעם ערד-אייגענטום און פון וועלכע עס איז פריוואטע פערמעגענס-בעציהונגען, — איז דיזע שטרעבונג צו זעלבסט-הערשונג, אין פערגלייך מיט די שטרעבונגען פון די בויערן און אדעליגע, געוועזן פיעל מעהר גערעכט און רעוואלוציאנער, און דאס האט דיזער שטרעבונג צוגעגעבען א קראפט, וועלכע האט געפיהרט צו א זיעגרייכע ענטוויקלונג, און האט געהאלפען צו אונטער-דריקען די בעוועגונג פון די בויערן און אדעליגע.

איך האב זיך עטוואס מעהר אבגעשטעלט אויף דיזען פונקט, אום ערשטענס צו בעווייזען איך די פערנינפטיגקייט (שכל) און דעם פראגרעס פון פרייהייט אין דער היסטארישער ענטוויקלונג אפילו אויף אזא ביישפיעל, פון וועלכען — ווען מען זאל איהם בעטראכטען אבערפלעכליך (פון אויבען אויף) — קען מען דאס ניט קלאר ארויסזעהען. צווייטענס, ווייל די היסטאריקער זייען נאך אלץ ווייט פון צו פערשטעהען דעם רעאקציאנערען כאראקטער פון דער בויערן-בעוועגונג און די אורזאכען פון איהר דורכפאל, וועלבער האט געמוזט אונבעדינגט ארויסקומען פון דיזען כאראקטער; אים געגענטהייל, זיי האלטען די בויערן-קריעג פאר א ווירקליך רעוואלוציאנערע בעוועגונג, ווייל דאס אויסערע אויסזעהען פיהרט זיי אריין אין טעות. דריטענס, ענדליך דערפאר, ווייל אימער אין אללע צייטען זעהען מיר די וואונדערבארע ערשיינונג, דאס מענשען מיט אונקלארע געדאנקען פאללען אפט

אריין אין א פאלשע איינבילדונג און האלטען פאר א נייעם רעוואלוציאנערען פרינציפ דאס, וואס איז אייגענטליך מעהר ניט ווי א שטרענגערער און ריינערער אויסדרוק פון א אידעע, וועלכע געהערט צו א אונטערגעהענדע אבשטארבענדע צייט. און מערקווירדיג איז דאס, מיינע הערען, וואס צו דיזע מענשען קענען אפט געהערען אפילו די געבילדעטסטע לייט. די פראנקפורטער פערזאמלונג אין דער פאול'ס-קירכע*) פון טרויעריגער אנדענקונג האט בעוויזען, אז דוקא פראפעסארען פאללען ניכער ווי אללע אריין אין אזא טעות.

פון אזעלכע מענשען און ריכטונגען, וועלכע זיינען רעוואלוציאנער נאר אין זייער אייגענער איינבילדונג, ראטה איך אייך, מיינע הערען, זיך צו היטען, דענן אזעלכע מענשען וועלען אונז געוויס ניט פעהלען אין דער צוקונפט, אזוי ווי זיי האבען ביז יעטצט ניט געפעהלט אין דער פערגאנגענהייט:

אבער די אויספיהרונגען, וואס מיר האבען דא געמאכט, קענען אונז דיענען אלס א גרויסער טרייסט, ווייל מיר האבען דאס רעכט צו זאגען, דאס די פיעלע בעוועגונגען, וועלכע זיינען געווארען אונטערדריקט גלייך ביי'ן אנפאנג, אדער נאך א קורצען ערפאלג און וועלכע קענען ארויפברינגען אויף טרויעריגע געדאנקען אייניגע וואהלמיינענדע, אבער גאנץ אבערפלעכליכע פאלקספריינד, זיינען

*) לאסאל רעדט דא וועגען א פערזאמלונג פון די בעוואוסטעסטע און געבילדעטסטע דייטשע דעמאקראטען און ליבעראלען אין דער צייט פון דער רעוואלוציאן פון 1848 יאהר. דיזע פערזאמלונג איז פארגעקומען דען 18-טען מאי 1848 יאהר אין דער פאול'ס-קירכע פון פראנקפורט-אם-מיין אונטער די פארזיטצונג פון דעם ראדיקאלען, רעוואלוציאנערען גענעראל היינריך פאן גאגערן, וועלכער איז געפאללען אין דעם קאמפף מיט דער רעאקציאן. די פערזאמעלטע האבען זעהר קורצזיכטיג און ניט קלוג געהאנדעלט. זיי האבען ערנסט געמיינט צו טהאן גוטעס, זיי האבען אבער ניט פערשטאנען דעם ריכטיגען גייסט פון דער נייער צייט. דער איבערזעטצער.

אין עצם געווען רעוואלוציאנערע בעוועגונגען נאר אין דער איינבילדונג פון זייערע אנהענגער.

א מענש מיט טיעפערע געדאנקען טראגט ארויס פון דער היסטאריע א'ן איבערצייגונג, דאס א ווירקליך רעוואלוציאנערע בעוועגונג, א בעוועגונג, וואס איז בעגרינדעט אויף א ווירקליך נייעם פרינציפ, איז נאך קיין מאל ניט אונטערגעגאנגען און קיין מאל ניט געפאללען, וועניגסטענס אויף א לאנגע צייט.

איך וועל מיך יעצט צוריקקעהרען צו מיין טהעמא:

אויב די בויערן-קריעג זיינען געווען רעוואלוציאנער נאר אין איינבילדונג, איז פערקעהרט אין יענער צייט ווירקליך געווען רעוואלוציאנער דער פארטשריט פון אינדוסטריע, פון דער פראדוקציאן אין די שטעדט, פון דער ארבייטסטהיילונג, וואס האט זיך אלץ מעהר ענטוויקעלט, און דער רייכטום פון קאפיטאל, וועלכער איז דורך דעם בעשאפען געווארען און האט זיך צוזאמענגעקליבען בלויז אין די הענד פון דער בורזשואזיע, ווייל זי איז געווען דאמאלס דער איינציגער קלאסס, וועלכער האט זיך בעשעפטיגט מיט דער פראדוקציאן, און דעריבער האט זי ארייגעכאפט דעם גאנצען פראפיט צו זיך אין די הענד:

די צייט פון דער רעפארמאציאן, ד. ה. דעם יאהר 1517, רעכענט מען אימער אלס די ענדע פון מיטטעלאלטער און דעם אנהויב פון דער נייער היסטאריע.

אין דער ווירקליכקייט איז דאס ריכטיג אין דעם זינען, דאס אין דעם משך פון צוויי הונדערט יאהר נאך דער רעפארמאציאן, איז לאנגזאם, שטופענוויז און אונבעמערקזאם פארגעקומען א געוויסע אומבייטונג, וועלכע האט אין גאנצען איבערגעענדערט די געשטאלט פון דער געזעלשאפט און האט אין איהר גופא פערפערטיגט אזא איבערקעהרעניס, וועלכע די גרויסע

פראנצויזישע רעוואלוציאן אין 1789 יאהר האט נאר פראקלא-מירט, עפענטליך ערקלערט, אבער ניט בעשאפען.

אין וואס איז בעשטאנען דיזע אומענדערונג, ווערט איהר פרעגען?

נאך די געזעטצען פון לאנד האבען זיך די רעכטע פון דעם אדעל ניט אומגעביטען. לויט דעם געזעטץ זיינען דער אדעל און די גייסטליכע נאך אלץ געוועזען די צוויי הערשענדע שטאנדען און די בורזשואזיע איז אלץ געבליבען אונטערגעדריקט און האט קיינע רעכטע ניט געהאט; נאר אויב די רעכטע פון די שטאנדען זיינען געבליבען די זעלבע, דערפאר איז אבער פאקטיש, אין דער ווירקליכקייט, פארגעקומען א אונגעהייערע ענדערונג אין די געזעלשאפטליכע פערהעלטניסע.

דאס, וואס די בורזשואזיע האט בעשאפען און צוזאמענ-געקליבען — אין היפוך צום ערד-אייגענטום — בעוועגליכע אייגענטום, קאפיטאל-רייכטום, — דיזער פאקט האט געמאכט, דאס דער אדעל האט אנגעווארען זיין גאנצע בעדייטונג און איז זאגאר געווארען אין גאנצען אבהענגיג פון דיזער רייך-געווארענער בורזשואזיע. די אדעליגע, ווען זיי חאט זיך געוואלט שטעהען אויף א גלייכע שטופע מיט די רייכע בירגער, האבען שוין געמוזט זיך אבזאגען פון די פרינציפען פון זייער שטאנד און אויך נעהמען זיך פאר אינדוסטריע און האנדעל, דורך וועלכע די בורזשואזיע איז רייך געווארען און איז פאקטיש געווארען אזוי מעכטיג:

די קאמעדיעס פון מאליער, וועלכער האט געלעבט אין דער צייט פון לודוויג XIV, בעווייזען אונז שוין די העכסט אינטע-רעסאנטע ערשיינונג, ווי דער דאמאלסדיגער אדעל, פעראכטענדיג די רייכע בורזשואזיע, לעקט אין דער זעלבער צייט ביי איהר די טעלער.

לודוויג דער XIV אליין, אט דיזער העכסט שטאלצער

קעניג, גענומט אראב דעם הוט אין זיין פאלאטץ פון ווערסאל און ערנידעריגט זיך פאר דעם יוד שמואל בערנאר, דעם ראטשילד פון יענער צייט, כדי ער זאל איהם געלד לייען.

ווען לאו, דער בעריהמטער שאטלאנדישער פינאנסיסט, האט געגרינדעט אין פראנקרייך אין אנפאנג פון 18-טען יאהר-הונדערט א'ן אקציען-געזעלשאפט, מיט דעם צוועק צו פיהרען האנדעל מיט די אמעריקאנישע פראווינצען ארום דעם טייך מיסיסיפי, מיט לואיזיאנא, מיט אסט-אינדיען א. ז. וו., איז דער רעגענט*) געווען איינער פון די דירעקטארען, — דער הערשער פון פראנקרייך איז געווארען א מיטגליעד פון א האנדעלסגעשעפט! נאך מעהר, דער רעגענט איז געווען געצוואונגען ארויסצולאזען אין אויגוסט 1717 יאהר א בעפעהל, אין וועלכען עס איז אויסדריקליך אנגעזאגט, דאס די אדעליגע קענען אנקומען אין קריעג- און האנדעל-דיענסט ביי דיזע קאמפאניע און דאס קען ניט ערנידעריגען זייער ווירדע! אט צו וואס פאר א שטופע איז אויף אזא אופן געקומען דער שטאלצער און קריעגערישער אדעל פון פראנקרייך. צו ווערען בעוואפנעטע דיענער ביי די סוחרים, אדער פערדינגען זיך פאר פריקאזטשיקעס (האנדעלסאנגעשטעלטע) אין די האנדעלס-אונטערנעהמונגען פון דער בורזשואזיע, וועלכע האט שוין געטריבען איהר האנדעל אין אללע עקען פון דער וועלט.

אין פערבינדונג מיט דיזע פערענדערונג האט זיך שוין דאמאלס ענטוויקעלט א מאטעריאליזמוס, א הונגעריגער, גייציגער יאגען נאך געלד און רייכקייט, צוליעב וועלכען אללע זיטטליכע אידעען און, נאך מעהר, אללע נוטצען פון די שטאנדעס-פריוויליגיען — וואס איז פון דער זייט פון די פריוויליגירטע קלאססען ליידער נאך מעהר כאראקטעריסטיש, — דאס אללעס

*) דער וואס רעגירט אין לאנד ביז וואנען דער קייזער דערגרייכט א בעשטימטען עלטער. דער איבערזעטצער.

איז מען געווען בערייט צו פערקויפען פאר געלד. אין דער צייט
פון דעם זעלביגען רעגענט פון פראנקרייך האט מען פער׳משפט
צום טוידט פאר גאנץ איינפאכע מערדערייען און
גזילות דעם גראף הארן, איינעם פון די פארנעהמסטע אדע-
לע, וועלכער איז געווען א נאהענטער קרוב מיט די גרעסטע
פאמיליען פון פראנקרייך, זאגאר מיט דעם רעגענט אליין. די
הערצאגין פון ארלעאן, א דייטשע פרינצעסין, שרייבט אין א בריעף
פון דעם 29 נאוועמבער 1719, דאס זעקס פון די פארנעהמסטע
פראנצויזישע דאמען האבען אין א געוויסען טאג צוגעהיט אין
א הויף דעם או׳בענדערמאנטען לאו, וועלכער איז דאמאלס געווען
דער אנגעזעהענסטער און בעשעפטיגסטער מענש פון פראנקרייך
און ווי לעבען עס איז דעריבער זעהר שווער געווען צו כאפען,
און זיינען צו איהם צוגעשטאנען, דאס ער זאל זיי געבען אי-
ניגע אקציען פון דער קאמפאניע, וועלכע ער האט געגרינדעט.
איבער דיזע אקציען האט מען זיך דאמאלס אין גאנץ פראנקרייך
געריסען און געשלאגען, און מען האט פאר זיי אויף דער
בירזשע געצאהלט אין זעקס און אכט מאל טייערער איידער
זייער נאמינאלער פרייז, אונטער וועלכען לאו האט זיי ארויס-
געלאזען. לאו האט זיך גראדע זעהר געאיילט און האט די דאמען
גאר ניט געוואללט הערען. ענדליך, זעהענדיג, דאס זיי לאזען
איהם ניט אב, האט ער צו זיי געזאגט: „מיינע דאמען, איך
בעט אייך טויזענד מאל מחילה, אבער אויב איהר וועט מיך
ניט אבלאזען וועל איך פלאצען, דען מיר ווילט זיך זעהר פיסען
און איך קען זיך מעהר ניט איינהאלטען". דערויף האבען איהם
די גרויסארטיגע דאמען געענטפערט: „נו גוט, מיין הערר, איהר
קענט זיך פיסען, נאר הערט אונז אויס". און זיי זיינען טאקי
געבליבען שטעהען ארום איהם אין דער צייט, ווען ער האט
בעפרידיגט זיין בעדערפניס, פארלענגענדיג איהם זייער בקשה

ווען איהר וועט מיך ווידער פרעגען, וועלכע אורזאכען האבען דא מיטגעווירקט, דאס די אינדוסטריע האט זיך אזוי ענטוויקעלט און די בורזשואזיע איז אזוי רייך געווארען — דאן, אום גוט צו ערקלערען אייך דאס, וועל איך מוזען פערנעהמען פיעל מעהר צייט, איידער די עטליכע שטונדען, וועלכע מיר האבען דא צו פערברייינגען. איך קען נאר דא אין קורצען איבערעכענען די הויפט-וויכטיגסטע פון דיזע אורזאכען: די ״נטדעקונג פון אמעריקא און איהר אונגעהייערע ווירקונג אויף די פראדוקציאן; דאס אויסגעפינען א וועג מיט׳ן ים צו געהען נאך אסט-אינדיען, אנשטאט וואס פריהער האט מען געמוזט פיהרען דעם האנדעל מיט אסט-אינדיען און אזיען ניט דורך׳ן ים, נאר דורך דאס טרוקענע ערד, איבער דעם סועץ; די ערפינדונג פון קאמפאס, מיט וועלכען מען האט שוין געקענט זיכערער און שנעלער פאהרען איבער׳ן ים, און וועלכע האט אויך מיטגעבראכט צו פערקלענערען די פרייזען פון שיף-סטראבירען; די קאנאלען און שאסעען אין אייראפא, וועלכע האבען געגעבען די מעגליכקייט, דורך די פערקלענערונג פון טראנספארט-קאסטען, צו פערקויפען אין ווייטערע געגענדען פיעלע פראדוקטען, וואס פריהער האט זיי ניט געלאהנט צו פיהרען איבער די טייערקייט פון טראנספארט; די גרעסערע בירגערליכע זיכערהייט פון פריוואט-אייגענטום און די בעסערע געריכטס-איינריכטונגען; די ערפינדונג פון פולווער, וועלכע האט געפיהרט צו׳ר צערשטערונג פון דער קייזערישער פעאדאלער מאכט דורך די רעגעלמעסיגע ארמעען פון די קעניגען; די צערשטערונג פון די פעאדאלע שלעסער און פעסטונגען, דורך וועלכע די סאלדאטען פון די אדעליגע האבען אנגעוואהרען זייער בעשעפטיגונג און האבען געמוזט זוכען פרנסה אין די מיטעלאלטערליכע ווערקשטאטען, — אט די אללע פאסירונגען האבען געשלעפט

און געשטופט דעם טריאומף-וואגען פון דער בורזשואזיע.

אט די אללע פאקטען און נאך פיעלע אנדערע, וועלכע איך וואלט דא געקענט אויסרעכענען, האבען זיך אללע צוזאמענגעגאסען אין איין אללגעמיינע ווירקונג: ערעפנענדיג גרויסע מערק צו פערקויפען די אויסגעארבייטע פראדוקטען און צוגלייך מיט דעם מאכענדיג ביליגער די פראדוקציאנס-און טראנספארט-קאסטען, האבען זיי דערמיט ארויסגערופען די מאססען-פראדוקציאן, די פראדוקציאן פיר דעם וועלט-מארק; דערפון איז ווידער ארויס א בעדירפניס צו שאפען די פראדוקציאן אלץ ביליגער, און דיזע בעדירפניס האט געקענט זיין בעפרידיגט נאר דורך די אימער ווייטערע ארבייטסהיילונג, ד. ה. אז יעדע ארט מלאכה זאל זיין פערנאנדערגעלעגט אויף איהרע איינפאכסטע מעכאנישע אפעראציאנען; און דאס פון איהר זייט ווירקט ווידער אויף די פראדוקציאן, דאס זי ווערט אלץ גרעסער און ברייטער.

מיר זעהען אלזא דא, מיינע הערען, א געוויסע געגענזייטיגע ווירקונג פון איין זאך אויף די אנדערע. איין פאקט רופט ארויס די אנדערע פאקטען, די אנדערע ווירקען צוריק אויף דעם ערסטען, און דער רעזולטאט ווערט דעריבער אלץ גרעסער און מעהר פערברייטערט.

איהר קענט קלאר איינזעהען, דאס די פראדוקציאן פון א געוויסע סחורה אין אונגעהייערע מאססען, איהר פראדוקציאן פאר דעם וועלט-מארק איז נאר דאן בכלל מעגליך, ווען די פראדוקציאנסקאסטען ביים אויסארבייטען דיזע סחורה זיינען ביליג, און ווען דער טראנספארט פון די זעלבע סחורה איז אויך אזוי פיעל ביליג, דאס איהר פרייז זאל ניט פיעל געהעכערט ווערען. דענן, ווען א געוויסע סחורה ווערט אויסגעארבייט אין אונגעהייערע מאססען, דאן פאדערט זי,

דאס זי זאל ווערען פערקויפט אויך אין אונגעהייערע מאססען, און דאס איז נאר דאן מעגליך, ווען איהר פרייז איז אויף אזוי פיעל ביליג, דאס א גרויסע צאהל מענשען קענען זי קויפען. אלזא, די ביליגקייט פון די פראדוקציאנס-און טראנספארט-קאסטען פון א געוויסע סחורה רופט ארויס איהר פראדוקציאן אין אונגעהייערע מאססען. פערקעהרט קען איך אויך קלאר זיין, דאס ווען א געוויסע סחורה ווערט אויסגעארבייט אין גרויסע מאססען, דאן ווערט זי שוין ממילא ביליגער. צום ביישפיעל: א פאבריקאנט, וועלכער פערקויפט צוויי הונדערט טויזענד שטיק פערקאל א יאהר, קען פערקויפען יעדען שטיק פיעל ביליגער, איידער א'ן אנדער פאבריקאנט, וואס פראדוצירט מעהר ניט ווי פינף טויזענד שטיק א יאהר, ווייל ער האט די מעגליכקייט צו קריגען ביליגער דעם רויהען מאטעריאל צוליעב דעם קויפען אין מאססען און אויך ווייל דער פראצענט אויף זיין קאפיטאל און די אויסגאבען אויף זיינע מאשינען, ווערקצייג א. ז. וו. זיינען צוטהיילט אויף אזא גרויסע צאהל שטיקער. וואס דאס אויסארבייטען פון א געוויסער סחורה קאסט ביליגער, אלץ גרעסער ווערט איהר פראדוקציאן; איז געווארען גרעסער די פראדוקציאן — ווערט די סחורה נאך ביליגער; דאס רופט ארויס נאך א מאססענהאפטערע פראדוקציאן, דורך וועלכע די סחורה ווערט נאך מעהר ביליג און ז. וו.

דאס זעלבע קומט אויך פאר מיט דער ארבייטס-טהיילונג, וועלכע איז פון איהר זייט אויך א נויטווענדיגע בעדינגונג פון דער גרויס-פראדוקציאן און ביליגקייט און אהן וועלכע ניט די פראדוקציאן, ניט די ביליגקייט וואלט ניט געווען מעגליך.

די ארבייטסטהיילונג, וועלכע לעגט פערנאנדער די פער-פערטיגונג פון א זאך אויף א גרויסע צאהל פון גאנץ איינפאכע און אפט ריין-מעכאנישע אפעראציאנען, ביי וועלכע עס פאדערט

זיך ניט קיין פערשטאנד, און שטעלט בעזונדערע ארבייטער פיר יעדע בעזונדערע אפעראציאן, וואלט גאר ניט מעגליך געוועזן, ווען די זאך וואלט ניט זיין פראדוצירט אין גרויסע מאססען, און דעריבער ווערט די ארבייטסטהיילונג ארויסגערופען און ענטוויקעלט נאר דורך די גרויסע פראדוקציאן. אבער אויך פערקעהרט: דאס, וואס די ארבייט ווערט פערנאנדערגעטהיילט אויף איינפאכע אפעראציאנען, פיהרט עס ווייטער 1) צו אליין א גרעסערע בילינקייט פון די סחורות, 2) דורך דעם צו אליין א גרעסערע פראדוקציאן, וואס איז שוין ניט בערעכענט אויף דיזע אדער יענע נאהענטע געגענד, נאר אויף דעם גאנצען וועלטמארק, און 3) דורך דיזעס צו נאך א גרעסערע ענטוויקלונג פון דער ארבייטסטהיילונג זעלבסט דורך נייע צערגלידערונג אין איינצעלנע ארבייטס-אפעראציאנען.

אט די אללע געגענזייטיגע ווירקונגען פון איין זאך אויף די אנדערע האבען געפיהרט **צו** א פאלשטענדיגע אומענדערונג אין דער געזעלשאפטליכער ארבייט און דורך דעם — אין אללע פערהעלטניסע פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען.

אום צו געבען א גענויע פארשטעלונג וועגען דיזע איבערקעהרענים, לאמיר פערגלייכען צוויי פערשיעדענע היסטארישע עפאכען.

אין די ערסטע צייטען פון מיטטעלאלטער, ווען דער טראנספארט פון פראדוקטען האט געקאסט זעהר טייער און נאר א קליינע צאהל קאסטבארע סחורות האבען געקענט אויסהאלטען דיזע טייערקייט, האט מען פראדוצירט נאר פיר די בעדירפניסען פון א געגעם ארט און פון זעהר א בעשרענקטען, ארומיגען נאהענטען געגענד, און דעריבער זיינען אללע בעדירפניסען אין געוויסע סחורות געוועזן פאראויס בעקאנט, פעסט בעשטימט און האבען זיך וועניג וואס געביטען. דאס בעדירפנים אדער

די נאכפראגע איז געווען פאראויס פאר די פראדוקציאן אדער דעם אנגעבאט, און זי — דאס בעדירפניס — האט אימער פאראויס בעשטימט די צאהל, וויפיעל סחורות מען דארף אויסארבייטען. אדער אנדערס געזאגט: די געזעלשאפטליכע פראדוקציאן פון יענער צייט איז געווען הויפטזעכליך א האנדווערקער'ישע. דענן דער הויפט-אונטערשייד צווישען די קליינע האנדווערקעריי און די גרויסע פאבריק-פראדוקציאן בעשטעהט אין דעם, דאס די האנדווערקעריי ווארט אימער אויף דאס בעדירפניס, כדי אנצוהויבען די פראדוקציאן, ווי צום ביישפיעל דער שניידער ווארט אויף מיין בעשטעלונג אום מיר אראק צו מאכען, דער שלאסער ווארט ביז איך בעשטעל איהם צו מאכען מיר א שלאס; אדער אין דעם פאל, ווען דער בעל-מלאכה מאכט זיין סחורה פריהער איידער מען בעשטעלט זי, דאן זעהט ער צו בעשרענקען זיינע פראדוקטען אויף די קלענסטע צאהל פארדערונגען, וועלכע קענען געפען אין דיזען ארט און אין דעם נאהענטען ארומיגען געגענד, וויסענדיג פאראויס דורך זיין אלטע געניטקייט און ערפאהרונג, וויפיעל קענען זיין פארדערונגען אויף די סחורה. אזוי צום ביישפיעל מאכט דער בלעכער אזא געוויסע צאהל לאמפען, וועלכע ער ווייס נאך זיין אלטע געניטקייט, דאס זיי וועלען אין גיכען פערקויפט ווערען אין דער שטאדט.

די כאראקטעריסטישע אייגענשאפט פון אזא געזעלשאפט, וועלכע פראדוצירט אויף דיזען אופן, איז ארעמקייט, אדער יעדענפאלס גאנץ קליינע עשירות, מיינע הערען! דערפאר אבער זעהען מיר דארט דאגעגען א געוויסע פעסטקייט און שטענדיגקייט פון אלע געזעלשאפטליכע פערהעלטניסע.

נאר די אונאויפהערענדע געגענזייטיגע ווירקונג, וועלכע איך האב אייך דא פריהער אויפגעוויזען, האט ביסלעכווייז צו-

געגעבען דער געזעלשאפטליכער ארבייט און דערמיט אללע לעבענספערהעלטניסע א כאראקטער, וואס איז געווען פונקט דער היפוך צו דעם פריהערדיגען. דער כאראקטער פון דער היינטיגער געזעלשאפטליכער ארבייט האט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען שוין אין מיטטעלאלטער, נאר יעטצט איז ער גאנץ אנדערש אויסגעבילדעט און איז מורא'דיג ענטוויקעלט. אט דיזען כאראקטער פון דער היינטיגער פראדוקציאן אין איהרע אונגעהייערע ענטוויקלונג, וועלכער איז געגענזעטצליך צום כאראקטער פון דער מיטטעלאלטערליכער געזעלשאפטליכער ארבייט, קען אזוי זיין געשילדערט: ווען אין יענער צייט האט דאס בעדירפניס, די נאכפראגע, ארויסגערופען די פראדוקציאן, דאס אנגעבאט, האט נאך איהר זיך נאכגעשלעפט און האט פאר־אויס בעשטימט איהר געוויסע מאס, וויפיעל מען דארף פראדוצירען, — זא געהט עס ביי היינטיגע צייט גראדע פערקעהרט: די פראדוקציאן, דאס אנגעבאט, קומט פריהער פאר דאס בעדירפניס, די נאכפראגע, און זוכט עס ארויסצורופען; סחורות ווערען יעטצט פראדוצירט ניט פיר א בעשטימטען ארט, ניט צוליעב דעם בעשטימטען בעדירפניס פון א געוויסען נאהענטען געגענד, נאר פיר דעם אללגעמיינעם וועלט־מארק. מען פראדוצירט יעטצט סחורות אין גרויסע מאססען און פיר אללע מענשען פון דער גאנצער וועלט, פיר א בעדירפניס וואס איז בעפאר אונבעשטימט און אונבעקאנט. און כדי דער פראדוקט זאל קענען ארויסרופען דאס בעדירפניס, זאל איהם קענען נאכציהען נאך זיך, זא ניט מען איהם א געוועהר: — די ביליגקייט. די ביליגקייט — דאס איז דער געוועהר פון פראדוקט, מיט וועלכען פון איין זייט עראבערט ער זיך דעם קויפער און פון דער אנדער זייט צוקלאפט ער אויף דעם פעלד אללע אנדערע פראדוקטען פון דיזען ארט,

וועלכע זוכען אויך צו פערכאפען דעם קויפער. זא דאס אין דער ווירקליכקייט אונטער דעם סיסטעם פון פרייער קאנקורענץ קען יעדער פאבריקאנט, וואס פאר אונגעהייערע מאססען סחורה ער זאל ניט פראדוציר‏ען, האפען אויסצופערקויפען אללע זיינע פראדוקטען, ווען איהם געלינגט בעסער צו בעוואפענען זיי מיט ביליגקייט, דאס זיי זאלען קענען צערשלאגען די סחורות פון אנדערע פאבריקאנטען.

דער הויפט-כאראקטער וואס צייכענט אויס אזא געזעלשאפט בעשטעהט אין דעם, דאס פון איין זייט געפינט זיך אין איהר א אונגעהייערער רייכטום, אבער פון דער אנדער זייט שטעהען ניט איין און וויגען זיך אין איהר אללע פערהעלטניסע, די לאגע פון יעדען איינציגען איז כמעט אימער אונזיכער, און די פערטהיילונג פון די פערדינסטע צווישען די, וואס נעהמען אנטהייל אין דער פראדוקציאן, איז זעהר אונגלייך און העכסט פערשיעדען.

אזוי גרויס איז אלזא געווען, מיינע העררען, די אומענדערונג, וועלכע די שטילע, אונטערגראבענדע און רעוואלוציאנערע טהעטיגקייט פון דער אינדוסטריע האט אונבעמערקט אריינגעבראכט טיעף אין דער געזעלשאפט נאך פאר דער ענדע פון 18-טען יאהרהונדערט.

אין דער צייט, ווען די קעמפפער פון דעם בויערן-קריעג האבען נאר ניט געוואגט צו האבען קיין אנדער געדאנק ווי דיזען: צו גרינדען די העררשאפט אין דער מלוכה אויף דעם ערד-אייגענטום; ווען זיי האבען ניט געקענט בעפרייען זיך אפילו אין געדאנקען פון דער מיינונג, אז דאס ערד-אייגענטום איז דער איינציגער עלעמענט, אויף וועלכען די העררשאפט אין דער מלוכה איז געבויט, און אנטהייל נעהמען אין איהר קען נאר דער, וואס האט אייגענע ערד, — אין דיזע

צייט האט שוין די שטילע און רעוואלוציאנירענדע ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אזוי ווייט געבראכט, דאס נאך לאנג פאר דעם סוף פון 18-טען יאהרהונדערט האט דאס ערד-אייגענטום אין גאנצען פערלארען איהר פריהערדיגע וויכטיגקייט און איז געווארען גאנץ אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט דער ענטוויקלונג פון די נייע פראדוקציאנסמיטלען, מיט די גרויסע רייכטימער, וועלכע האבען זיך פון טאג צו טאג אנגעקליבען, און מיט דער אונגעהייערער ווירקונג, וואס דאס אלעס האט געהאט אויף די גאנצע בעפעלקערונג און אפילו אויף דעם פעראָרעמטען אדעל אליין.

די רעוואלוציאן איז שוין אלזא געוועזען פערפערטיגט איינוועניג, אין הארצען פון דער געזעלשאפט, אין איהרע ווירקליכע פערהעלטניסע, מיט אלאנגע צייט פריהער איידער זי האט אויסגעבראכען אין פראנקרייך. עס האט זיך נאר געפארדערט דיזע אומענדערונג פון אויסען, עפענטליך צו ערקענען, רעכטליך זי צו סאנקציאנירען (בעשטעטיגען דורך'ן געזעטץ).

דאס זעלבע קומט פאר, מיינע הערען, מיט אללע רעוואלוציאנען. מען קען קיינמאל ניט מאכען קיין רעוואלוציאן. מען קען מעהר ניט ווי סאנקציאנירען, רעכטליך אנערקענען און פאלשטענדיג דורכפיהרען א געוויסע רעוואלוציאן, וועלכע איז שוין ווירקליך, טהאטזעכליך פארגעקומען אין געזעלשאפטליכען לעבען.

וועללען מאכען א רעוואלוציאן איז א דומהייט פון אונוויסענדע מענשען, וועלכע האבען קיין בעגריעף ניט פון די היסטארישע געזעטצען.

דארום איז אויך נאריש און קינדיש צו וועללען איינהאלטען און אונטערדריקען א רעוואלוציאן, וועלכע האט זיך שוין

מיעף איינגעוואָרצעלט אין דער געזעלשאפט; צו ענטזאגען זיך פון צו געבען איהר א רעכטליכע אנערקענונג און צו זידלען פעראייגען און פערזאגען, וועלכע זיינען בעהילפיג אין די געבורטה פון דיזער רעוואלוציאן, מיט דעם נאמען רעוואלוציאנערען. ווען די רעוואלוציאן האט שוין אריינגעדרונגען אין די געזעלשאפט, אין אידרע פאקטישע פערהעלטניסע, — דאן העלפט שוין קיין זאך ניט, זי מוז ארויסקומען אפען און אריין אין די געזעטצגעבונג פון לאנד.

ווי אזוי דאס איז פארגעקומען און ווי ווייט דאס איז שוין דערגאנגען אין דער צייט, פון וועלכע איך רעד דא, קענט איהר אם בעסטען זעהען פון איין פאקט, וועלכען איך וועל אייך דא דערצעהלען.

איך האב שוין דא גערעדט וועגען דער ארבייטסטהיילונג, וואס איהר ענטוויקלונג בעשטעהט אין דער פערנאנדערלעגונג פון יעדע פראדוקציאן אין א רייהע פון גאנץ איינפאכע, מעכאנישע אפעראציאנען.

און וואס מעהר און ווייטער דיזע טהיילונג ענטוויקעלט זיך, אזוי געפינט מען, אז די איינצעלנע בעזונדערע אפעראציאנען, ווייל זיי זיינען אזוי איינפאך און ברויכען ניט קיין שום אנשטרענגונג פון פערשטאנד, קענען אזוי גוט און נאך פיעל בעסער אויסגעפיהרט ווערען גאר פון פשוט'ע ווערקצייג, — און אזוי האט ארקרייט אין יאהר 1775 — אלזא 14 יאהר פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציאן — ערפונדען אין ענגלאנד די ערסטע מאשינע, זיין בעריהמטע בוימוואל־שפינמאשינע.

מען קען ניט זאגען, דאס די מאשינע, פאר זיך זעלבסט, האט די רעוואלוציאן פארגעבראכט. דאצו איז זי ערפונדען געווארען אין א צו קורצע צייט פאר דער רעוואלוציאן. און אגב האט מען זי ניט באלד נאך דער ערפינדונג איינגעפיהרט אין

פראנקרייך; אבער דערפאר האט זי אין זיך פערקערפערט די רעוואלוציאן, וועלכע איז שוין פאקטיש פארגעקומען און געווען פערפאלקאמט. אט דיזע מאשינע זעלבסט, ניט קוקענדיג אויף איהר אונשולדיגעס אויסזעהען, איז געווען די רעוואלוציאן אליין אין א קערפערליכע געשטאלט.

די אורזאכען דערפון זיינען איינפאך.

איהר האט געוויס געהערט פון די צעכען, וועלכע האבען געפיהרט די מיטטעלאלטערליכע פראדוקציאן.

איך קען זיך דא גאנץ וועניג אבשטעלען צו דערצעהלען אייך, אין וואס זיינען בעשטאנען די צעכען פון מיטטעלאלטער, ווי אויך אויף דעם, ווי אזוי האט די פרייע קאנקורענץ איבעראל פערטראטען דעם פלאטץ פון די צעכען נאך דער פראנצויזישער רעוואלוציאן. איך קען אייך נאר אנווייזען דעם פאקט, ניט ערקלערענדיג זיינע אורזאכען, און נאר פערזיכערענדיג אייך, דאס אזוי איז געווען ווירקליך, דאס די מיטטעלאלטערליכע צעכען זיינען געווען פעסט פערבונדען מיט אללע אנדערע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען פון מיטטעלאלטער. אבער ווען די צייט ערלויבט מיר ניט צו ערקלערען אייך די אורזאכען פון דיזע פעסטע פערבינדונג, דאך קען מען דעם פאקט אליין לייכט בעווייזען פון דער היסטאריע. די צעכען האבען עקסיסטירט אין די גאנצע צייט פון מיטטעלאלטער ביז דער פראנצויזישער רעוואלוציאן. שוין אין יאהר 1672 האט מען אין דייטשען רייכסטאג פארגעלעגט אבצושאפען די צעכען, אבער דיזער פארשלאג האט צו גארניט געפיהרט. און נאך פריהער, אין יאהר 1614, האט די פראנצויזישע בורזשואזיע אין די „עטא זשענערא"*) געפאדערט אבצושאפען די צעכען, וועלכע האבען איהר או-

*) א מין רוססישע „זעמסטווא". דער איבערזעטצער.

מעטום געשטערט אין דער פראדוקציאן, אבער דיזע פארדערונג האט אויך צו גארנישט געפיהרט. און נאך מעהר, מיט 13 יאהר פאר דער רעוואלוציאן, אין יאהר 1776, האט דער בעריהמטער פראנצויזישער מיניסטער טורגא, וועלכער האט איינגעפיהרט נייע רעפארמען אין לאנד, אבגעשאפט די צעכען. אבער די פעאדאלע פריווילעגירטע וועלט פון מיטעלאלטער האט מיט פאללער רעכט איינגעזעהען פאר זיך איין טוידט-געפאהר, ווען איהר לעבענס-פרינציפ, דאס פריווילעגיום, וועט ניט זיין דורכגעדרונגען דורך אללע קלאססען פון דער געזעלשאפט, און אין 6 חדשים ארום נאכדעם, אז מען האט שוין אבגעשאפט די צעכען, איז דער קעניג געוועזען געצוואונגען צו נעהמען צוריק זיין בעפעהל און וויעדער איינפיהרען די צעכען. ערסט די רעוואלוציאן האט פערניכטעט און אבגעשאפט — אבער אין איינעם און דעם זעלבען טאג מיט דער צערשטערונג פון באסטיליען — דאס, וואס מען האט אויף דעם געזעטצליכען וועג אומזאנסט געוואללט דורכפיהרען אין דייטשלאנד זייט 1672 און אין פראנקרייך זייט 1614, אלזא זייט כמעט גאנצע צוויי הונדערט יאהר.

דערפון קענט איהר זעהען, מיינע הערען, דאס, וואס פאר א גרויסע נוטצען די לעגאלע רעפארמען אויף'ן געזעטצליכען וועג זאלען ניט בריינגען, האבען זיי דאך אין אללע וויכטיגסטע פונקטען איין גרויסען חסרון, דאס זיי בלייבען אונמעכטיג אין דעם משך פון הונדערטע יאהרען; אבער פון דער אנדער זייט, דער רעוואלוציאנערער וועג, ניט קוקענדיג אויף דעם גע-וויסען שאדען, מיט וועלכען ער איז אימטער פערבונדען, האט ער דאך איין ווירקליכע מעלה, דאס ער פיהרט שנעלל און ענערגיש צו א פראקטישען צוועק.

ווען איהר וועט זיך, מיינע הערען, האלטען מיט מיר איין אויגענבליק אן דעם פאקט, דאס די צעכען זיינען געוועזען

פעסט פערבונדען מיט די גאנצע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציאן פון מיטטעלאלטער, דאן וועט איהר גלייך זעהען, ווי אזוי די ערסטע בוימוואל-שפינמאשינע, וועלכע ארקרייט האט ערפונדען, האט אין זיך ענטהאלטען *אפאלשטענדיגע* איבערקעהרעניס אין יענע געזעלשאפטליכע פערהעלטניסע.

דענן ווי אזוי האט געקענט זיין מעגליך די פראדוקציאן מיט מאשינען אונטער א סיסטעם פון צעכען, ביי וועלכעס דער געזעטץ האט בעשטימט פיר יעדע געגענד די צאהל פון די געזעללען (פועלים) און לעהרן-יונגלעך, וועלכע דער מייסטער האט געמעגט האלטען? אדער ווי איז דאס געוועזען מעגליך אונטער א סיסטעם פון צעכען, ביי וועלכעס פערשיעדענארטיגע מלאכות זיינען געוועזען פינקטליך דורך'ן געזעטץ אבגעגרענעצט איינע פון די אנדערע, און יעדער מייסטער האט געמוזט אימער ארבייטען נאר איינע און די זעלבע מלאכה — זא דאס, צום ביי-שפיעל, די פאריזער שניידער און לאטוטניקעס, די שמידען און סלעסארעס האבען הונדערטע יאהרען נאכאנאנד געפיהרט פרא-צעסען (געמשפט זיך), אום פינקטליך צו בעצייכנען, וועלכע ארט ארבייט איז שייך צו דער אדער יענער מלאכה, — ווי איז אלזא געוועזען מעגליך אונטער דעם צעכען-סיסטעם די פראדוקציאן מיט מאשינען, וועלכע פארדערט די פערבינדונג פון פערשיע-דענע מלאכות אונטער די האנד פון איינעם און דעם זעלבען קאפיטאל?

עס איז אלזא געקומען דערצו, דאס די פראדוקציאן זעלבסט, דורך איהרע שטענדיגע ענטוויקלונג, האט פארגעבראכט אזעלכע פראדוקציאנס-אינסטרומענטען, וועלכע האבען געמוזט צערשטערען דעם גאנצען געזעלשאפטליכען צושטאנד פון מיטטעל-אלטער, ווייל אין דיזען צושטאנד האבען זיי קיין פלאטץ פאר זיך ניט געקענט געפינען.

אט אין דיזען זינגען, האב איך געזאגט, אז די ערסטע מאשין איז שוין פאר זיך גופא געוועזען א רעוואלוציאן, ווייל זי האט געטראגען אין איהרע שרייפלעך און רעדלעך, ווי ווענינ מען האט דאס געקענט בעמערקען פון דרויסען, דעם ווארצעל פון א נייעם געזעלשאפטליכען צושטאנד, געבויט אויף פרייע קאנקורענץ, וועלכער איז פון דעם ווארצעל אויסגעוואקסען מיט דער קראפט און נויטווענדיגקייט פון לעבען.

און אזוי קען אויך זיין, אויב איך האב קיין טעות ניט, דאס פיעלע ערשיינונגען און פאקטען עקסיסטירען יעטצט, וועלכע טראגען אין זיך א נייעם צושטאנד פון לעבען און מוזען דיזען צושטאנד נויטווענדיג פון זיך ענטוויקלען. און דיזע ערשיינונגען זיינען גאר אונבעמערקבאר פאר'ן אויסערען בליק, זא דאס די הערשער אליין, וועלכע פערפאלגען אהן א'ן אויפהער אונבעדייטענדע אגיטאטארען, אט דיזע הערשער לאזען דיזע ערשיינונגען ניט. נאר דורך אהן א שום פערדאכט, גאר בעטראכטען זיי אפטמאל אלס א נויטיגע בעדינגונג פון אונזער קולטורעלען לעבען, בעגריסען זיי אלס די בלומען פון אונזער ציוויליזאציאן און לויבען זיי גאנץ אפט אין זייערע עפענטליכע רעדען.

נאך אללע דיזע ערקלערונגען, מיינע הערען, וועט איהר יעטצט גוט פערשטעהען די ריכטיגע בעדייטונג פון דער בעריהמטער בראשיורע, וועלכע דער גייסטליכער סיעז האט פערעפענטליכט אין יאהר 1788, מיט א יאהר פאר די פראנצויזישע רעוואלוציאן, און וועלכע מען קען רעזומירען מיט די פאלגענדע ווערטער: „וואס איז דער דריטער שטאנד? — גאר ניט; וואס דארף ער זיין? — אללעס!"

דער דריטער שטאנד האט דאן געהייסען די בורזשואזיע, ווייל אין דער פראנצויזישער מלוכה, צום אונטערשיעד פון די צוויי פריווילעגירטע קלאססען — דעם אדעל און די גייסטליכע,

האט זי געבילדעט דעם דריטען קלאסס, וועלכער האט צו יענער צייט בעדייטעט דאס גאנצע ניט-פריווילעגירטע פאלק.

אלזא דער גאנצער אינהאלט פון דיזער בראשורע קען זיין אויסגעדריקט אין די צוויי פראגען, וועלכע סיעז האט געשטעללט און אויף וועלכע ער אלליין ענטפערט: „וואס איז דער דריטער שטאנד? — גאר ניט! וואס דארף ער זיין? — אללעס!"

אזוי שטעללט סיעז די פראגען און אזוי ענטפערט ער אויף זיי. אבער פון דעם, וואס איך האב ביז יעטצט ערקלערט, פאלגט, דאס די ריכטיגע בעדייטונג פון דיזע פראגען און אנטווארטען ווערט ריכטיגער אויסגעדריקט אויף אזא ארט:

„וואס איז דער דריטער שטאנד פאקטיש, טהאטזעכליך? — אללעס!

„וואס איז ער אבער רעכטליך, נאך דעם געזעטץ נאך? — גאר ניט!"

עס האט זיך אלזא געהאנדעלט וועגען דעם, צו מאכען די רעכטליכע לאגע פון דער בורזשואזיע גלייך מיט איהר פאקטישער בעדייטונג, ד. ה. די הערשענדע בעדייטונג, וואס די בורזשואזיע האט פאקטיש בעקומען אין לעבען, זאל אויך אנערקענט ווערען רעכטליך, דורך דעם געזעטץ. און אין דעם איז איבערהויפט בעשטאנען די ארבייט און די בעדייטונג פון דער זיעגרייכער רעוואלוציאן, וועלכע האט אויסגעבראכען אין פראנקרייך אין 1789 יאהר, און פון דעם אונגעהייערען איינפלוס, וועלכען זי האט געמאכט אויף אללע לענדער פון אייראפא.

איך מיין אייך דא ניט, מיינע הערען, צו דערצעהלען די געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן. מיר קענען דא נאר בעטראכטען די וויכטיגסטע פונקטען, איבער וועלכע

די געזעלשאפט איז איבערגעגאנגען פון איין צושטאנד אין דעם אנדערען, און אפילו דאס קענען מיר טהאן בקיצור, אויף ווי פיעל די קורצע צייט קען אונז ערלויבען.

דאס ערסטע דארפען מיר דא שטעללען די פראגע: ווער איז געוועזען דיזער דריטער שטאנד, אדער די בורזשואזיע, וועלכע האט דורך די פראנצויזישע רעוואלוציאן בעזיעגט די פריווילעגירטע קלאססען און האט בעקומען די הערשאפט אין דער מלוכה?

אזוי ווי דער דריטער שטאנד איז דאמאלס געשטאנען געגען די פריווילעגירטע שטאנדען, וועלכע זיינען לויט דעם געזעטץ געוועזען די הערשענדע רעדעל-פיהרער אין דער געזעלשאפט, דעריבער האט ער דאן, אין ערסטער מינוט, געהאלטען, אז ער און דאס פאלק איז איין און דאס זעלבע, און זיינע אייגענע אינטערעסען זיינען די אינטערעסען פון דער גאנצער מענשהייט. אט דעריבער זעהען מיר אזא ברענענדע, געוואלטיגע בעגייסטערונג אין יענער צייט. עס ווערען עפענטליך ערקלערט די מענשענרעכטע, און עס שיינט, אז מיט דער בעפרייאונג און הערשאפט פון דעם דריטען שטאנד וועלען שוין אויפהערען צו עקסיסטירען אלע געזעטצליכע פריווילעגיען, אז אללע רעכטליכע אונטערשיעדען צווישען מענשען, אללע פריווילעגיען וועלען פערשווינדען אין איין פרייהייט פון דער מענשהייט.

אמת, שוין דאמאלס, גאר אין אנפאנג פון דער בעוועגונג, אין אפריל 1789, ביי דער געלעגענהייט פון די וואהלען אין פארלאמענט, ווען דער קעניג לודוויג דער זעכצעהנטער האט בעשטימט, אז דער דריטער קלאס זאל שיקען אזוי פיעל דעפוטאטען, ווי פיעל דער אדעל מיט די גייסטליכע צוזאמען, האט שוין דאמאלס אגעוויסע, דורכאויס גיט קיין רעוואלוציא-

גערע צייטונג, געשריבען: „ווער קען אונז זאגען, דאס אנשטאט דער זא געוואנטער אריסטאקראטיע פון דעם אדעל וועט ניט אנקומען דער דעספאטיזמוס פון דער בורזשואזיע?"

אבער די אללגעמיינע בעגייסטערונג איז דאמאלס געוועזען אזוי גרויס, דאס מען האט זיך גאר ניט צוגעהערט צו אזעלכע אויסרופען.

ניט קוקענדיג אויף דעם, מוזען מיר זיך צוריקקעהרען צו דער פראגע; מיר מוזען די פראגע דייטליך אויפשטעללען: זיינען טאקי די אינטערעסען פון דעם דריטען שטאנד געווען ווירקליך די אינטערעסען פון דער גאנצער מענשהייט, אדער אט דער דריטער שטאנד, די בורזשואזיע, האט אין זיך אינגעוליך געטראגען נאך א פערטען שטאנד, פון וועלכען איהר האט זיך געוואללט געזעטצליך אבשיידען און וועלכען זי האט געשטרעבט אונטערצואווארפען אונטער איהר הערשאפט?

עס איז אבער יעטצט צייט, מיינע הערען, צו ערקלערען די בעדייטונג פון דעם ווארט בורזשואזיע, אדער גרויסע בורזשואזיע, מיט וועלכען מען בעצייכענט א געוויסע פאליטישע פארטיי; איך מוז ערקלערען, אין וועלכען זינגען בורויך איך דיזעס ווארט, כדי צו פערמיידען די געפאהר מען זאל מיך שלעכט פערשטעהען.

אונטער דעם ווארט בורזשואזיע מיינט מען בכלל בירגערטום. אבער איך געברויך ני עם ווארט אין דיזען זינגען, וויל מיר אללע זיינען בירגער אי דער ארבייטער, אי דער קליינבירגער, אי דער גרויסבירגער און ז. וו. דאס ווארט בורזשואזיע האט, פערקעהרט, אין דעם גאנג פון דער היסטאריע בעקומען א געוויסע בעדייטונג און מיט איהם בעצייכענט מען

אַ גאַנץ בעשטימטע פּאָליטישע ריכטונג, וועלכע איך וועל גלייך ערקלערען.

דער גאַנצער ניט-אַדעליגער, בירגערליכער קלאַסס איז געווען צוטהיילט אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, און איז נאָך היינט אויך אַזוי בכלל צערטהיילט, אויף צוויי אונטערקלאַססען: פון איין זייט דער קלאַסס מענשען, וואָס לעבען אין גאַנצען אָדער הויפּטזעכליך פון זייער אַרבייט און וועלכע האָבען קיין שום קאַפּיטאַל ניט אָדער האָבען אַ גאַנץ קליינעם קאַפּיטאַל, וועלכער שטיטצט זיי אין זייער פּראָדוקטיווער בעשעפטיגונג צו ערנעהרען זיך און די פאַמיליע, און צו דיזען קלאַסס געהערען אַלזאָ די אַרבייטער, קליינבירגער, האַנדווערקער און אַללע בויערן, און פון דער אַנדער זייט דער קלאַסס מענשען, וועלכע בעזיטצען אַ גרויסען פערמעגען, אַ גרויסען קאַפּיטאַל און וועלכע ווענדען אָן דיזען קאַפּיטאַל אויף פּראָדוקציאָן, אָדער בעקומען פון איהם פּראָצענטען. דיזע קען מען רופען גרויסבירגער, אָבער, מיינע הערען, אַפילו אַ גרויסבירגער, צוליעב זיין קאַפּיטאַל אַלליין, איז נאָך אַלין ניט קיין בורזשואַ.

דעם בירגער איז קיין דאגה ניט, ווען דער פּריץ זיטצט זיך אין זיין צימער און האָט הנאה פון זיין יחוס און פון זיינע מאַיאַנטקעס. נאָר ווען דעם פּריץ פערגלוסט זיך צו בענוטצען זיין יחוס און זיינע מאַיאַנטקעס אויף דאָס, אַז צוליעב זיי זאָל ער שפּיעלען אַ בעזונדערע ראָללע אָדער צוליעב זיי זאָל ער ווערען אַ הערשענדע מאַכט אין דער מלוכה, — דאַן ווערט דער בירגער אין כעס אויף דעם פּריץ און רופט איהם אָן פעאָדאַל.

אַזוי קומט אויך פאָר אין דער בירגערליכער וועלט, אויף וויפיעל עס עקסיסטירט אין איהר אַ געוויסער אונטערשייד צווישען פערשיעדענע פערמעגענס.

עס קען ניט זיין איינפאכער, נאטירליכער און גערעכטליכער ווי דאס, וואס דער גרויסבירגער זיטצט זיך אין זיין צימער און קלייבט נחת פון דעם גרויסען ריוח, וועלכען זיין גרויסער קאפיטאל ברײנגט איהם.

ווי שטארק דער ארבייטער און דער קליינבירגער, מיט איין ווארט דער גאנצער קלאסס, וואס האט קיין קאפיטאל ניט, האט דאס רעכט צו פערלאנגען פון דער רעגירונג, אז זי זאל אללע געדאנקען און שטרעבונגען אנווענדען אויף דעם, ווי אזוי צו פערבעסערען די טרויעריגע און עלענדע מאטעריעלע לאגע פון די ארבייטענדע קלאססען; ווי שטארק די ארבייטער, וואס האבען בעשאפען אללע רייכטימער, מיט וועלכע אונזער ציוויליזאציאן גלענצט, און אללע פראדוקטען, אהן וועלכע די גאנצע געזעלשאפט וואלט אפילו א טאג ניט געקענט עקסיסטירען — ווי שטארק זיי האבען דאס רעכט צו פארדערען פון דער רעגירונג, אז זי זאל זיי העלפען צו בעקומען א בעסערע און זיכערע בעלאהנונג פאר זייער הארעוואניע און דערמיט זאלען זיי האבען די מעגליכקייט גייסטיג צו בילדען זיך, כדי זיי זאלען קענען פיהרען א'ן-אמת-מענשענווירדיגען לעבען, — ווי שטארק, זאג איך, די ארבייטענדע קלאססען האבען דאס רעכט דיזעס צו פארדערען און דיזעס צו שטעללען זיך פאר א'ן אמת'ן צוועק, דאך דארף דער ארבייטער קיין מאל ניט פערגעסען און וועט עס קיין מאל ניט פערגעסען, אז יעדעס אייגענטום, וואס איז געזעטצליך ערווארבען, האט דאס פאלשטענדיגע רעכט צו בלייבען ביי דעם אייגענטימער, און קיינער טאר עס ניט אנריהרען.

ווען אבער דער גרויסבירגער איז ניט צופריעדען מיט דעם פאקטישען פערגניגען, וואס זיין גרויסער פערמעגען פערשאפט איהם, און וויל מאכען, דאס זיין בירגערליכער

ריכטום, זיין קאפיטאל זאל איהם דינען אלס א גענויסע בעדינגונג צו הערשען איבער דאס לאנד, דאס מיט דיזען קאפיטאל זאל ער קענען נעהמען אנטהייל אין דער בעשטימונג פון דעם ווילען אין די ציעלען פון דער מלוכה, — אט דאן ערסט ווערט דער גרויסבירגער א בורזשוא, דאן מאכט ער דעם פאקט פון זיין פערמעגען פאר א רעכטליכע בעדינגונג פון פאליטישע הערשאפט, דאן כאראקטעריזירט ער זיך אלס א נייער פריווילעגירטער שטאנד אין פאלק, וועלכער וויל ארויפלעגען דעם בעזונדערען שטעמפעל פון זיינע פריווילעגיען אויף אללע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען, אזוי ווי דער אדעל פון מיטטעלאלטער — ווי מיר האבען עס געזעהען — האט געטהאן מיט די פריווילעגיען פון ערד-אייגענטום.

אלזא, דאס וואס איז נוגע אין די פראנצויזישע רעוואלוציאן און אין די נייע היסטארישע עפאכע, וואס האט זיך פון דיזער צייט אנגעהויבען, קענען מיר שטעלען אט די פאלגענדע פראגע: צו האט דער דריטער שטאנד, וואס איז געקומען צו הערשאפט דורך די פראנצויזישע רעוואלוציאן, זיך טאקי בעטראכט אלס בורזשואזיע אין דיזען זינען? צו האט זי געוואלט אונטערווארפען און צו האט זי טאקי אונטערגעווארפען דאס פאלק אונטער איהר פריווילעגירטע פאליטישע הערשאפט?

אויף דיזע פראגע דארפען אונז געבען אן ענטפער די גרויסע היסטארישע פאקטען און זיי ענטפערען זיכער און פעסט — יא.

מיר קענען ווארפען נאר זעהר א קורצען און שנעללען בליק אויף די וויכטיגסטע פון דיזע פאקטען, וועלכע זיינען אבער גאנץ גענוג צו פערענטפערען דיזע פראגע.

שוין אין דער ערסטער קאנסטיטוציאן, וועלכע איז ארויסגעקומען אלס רעזולטאט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן,

אין דער קאנסטיטוציאן פון 3 סעפטעמבער 1791, איז שוין געמאכט דער אונטערשיעד (1 קאפיטעל, 1 און 2 §§) צווישען אקטיווע בירגער און פאססיווע בירגער. דאס וואהלרעכט האבען גע-האט נאר די אקטיווע בירגער, און פאר א'ן אקטיווען בירגער האט זיך לויט דער קאנסטיטוציאן גערעכענט נאר דער, וועלכער האט געצאהלט א דירעקטע שטייער פון א געוויסע בעשטימטע סוממע געלד.

דיזע שטייער איז נאך דאמאלס געווען ניט גרויס. זי האט בעטראפען דעם ווערטה מעהר ניט ווי פון דריי ארבייטסטעג, אלזא אויב מען זאל רעכענען דעם ארבייטסטאג, צום בייספיעל, אין 10 זילבערגראשען (50 קאפיקעס), דאן טראגט די גאנצע שטייער דעם ווערטה נאר פון איין טהאלער (1 רוב. 50 קאפ.). אבער פיעל וויכטיגער איז געווען דער פאקט, וואס אללע לוין-ארבייטער, וועלכע ארבייטען פאר א געוויסע געצאהלט, זיינען דורך דיזען געזעטץ ערקלערט געווארען פאר פאססיווע בירגער, און דורך דיזע בעשטימונג האט דער גאנצער ארבייטערקלאסס אנגעווארען דאס וואהלרעכט. יעדענפאלס איז ביי דיזע פראגען גאר ניט וויכטיג די צאהל, ווי פיעל שטייערען מען דארף צאהלען, נאר דאס פרינציפ. אז מען מוז צאהלען שטייערען, כדי צו האבען דאס וואהלרעכט.

מען האט איינגעפיהרט א „צענז", ד. ה. מען האט בעשטימט, דאס נאר דער קען נעהמען אנטהייל אין די פיהרונג פון דער מלוכה דורך דאס וואהלרעכט — וואס דאס איז דאס ערסטע און וויכטיגסטע פון אללע פאליטישע רעכטע — ווער עס האט א געוויסען בירגערליכען פערמעגען.

אללע בירגער, וואס האבען קיין דירעקטע שטייער ניט געצאהלט, אדער וואס האבען געצאהלט וועניגער וויפיעל דער געזעטץ בעשטימט, און אללע לוין-ארבייטער האט מען

אויסגעשלאסען פון דער הערשאפט איבער דער מלוכה און מען האט זיי געמאכט פאר א בעהערשטע, אונטערגעווארפענע מאססע. דער בירגערליכער פערמעגען, אדער דער קאפיטאל, איז געווארען די בעדינגונג פון הערשאפט איבער דער מלוכה, אזוי ווי די בעדינגונג פון הערשאפט אין מיטטעל-אלטער איז געוועזען דער פריציש ער פערמעגען, אדער דאס ערד-איינענטום:

ניט רעכענדיג א גאנץ קורצע צייט, ווען עס האט עקסיס-טירט די פראנצויזישע רעפובליק פון 1793 יאהר, וועלכע איז אונטערגעגאנגען צוליעב דעם, וואס זי אליין איז געוועזען ניט קלאר בעשטימט, און אויך איבער דעם גאנצען צושטאנד פון די דאמאלדיגע פערהעלטניסע, אויף וועלכע איך קען זיך דא יעטצט ניט אבשטעלען, — אלזא, ניט רעכענדיג דיזע קורצע צייט, איז דער „צענז" געוועזען דער הויפט-פרינציפ פון אללע קאנסטיטוציאנען, וועלכע זיינען ארויסגעקומען אלס רעזולטאט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן.

און נאך מעהר, אט דער „צענז", דאס הייסט, די בעש-טימטע שטייער-צאהלונג, וועלכע מען האט געמוזט צאהלען אין דער מלוכה, כדי צו האבען דאס וואהלרעכט, אט דער צענז — אלס א פרינציפ — איז אלין מעהר און מעהר געוואקסען לויט דעם געזעטץ דער ענטוויקלונג פון יעדען פרינציפ.

די קאנסטיטוציאן פון 1814 יאהר, וועלכע איז ערקלערט געווארען דורך די „כארטע" (מאניפעסט) פון לודוויג XVIII, האט בעשטימט א סומע פון 300 פראנק, אלזא פון 80 טהאלער פיר די דירעקטע שטייער-צאהלונג, אלס א בעדינגונג פון דעם וואהל-רעכט, און דאס איז געוועזען אנשטאט די פריהערדיגע סומע פון דריי ארבייטס-טעג. אין מאנאט יולי 1830 האט וויעדער

אויסגעבראכען א רעוואלוציאן*), און דאך ניט קוקענדיג אויף דעם האט דער געזעטץ פון 19-טען אפריל 1831 געפארדערט, אלס א בעדינגונג פון דעם וואהל-רעכט, א דירעקטע שטייער-צאהלונג פון 200 פראנק, אלזא כמעט 53 טהאלער.

דאס, וואס מען האט אין דער צייט פון קעניג לואי פהיליפ און זיין הויפט-מיניסטער גיזא גערופען דאס „געזעטצליכע לאנד" אדער „דאס לאנד, וועלכען דער געזעטץ נעהמט אין אנבעטראכט", איז בעשטאנען פון 200,000 מענשען. אין גאנץ פראנקרייך איז מעהר ניט געווען ווי 200,000 וועהלער, מיט א פערמעגען, וויפיעל דער געזעטץ האט געפאדערט, וועלכע האבען געהערשט איבער א לאנד, וואס האט אין זיך ענטהאלטען מעהר ווי 30 מילליאן איינוואהנער.

מען מוז דא פערביי־געהענדיג בעמערקען, דאס אין עצם איז גאנץ גלייך, אויב דער פרינציפ פון צענז, וועלכער שליסט אויס מענשען, וואס האבען ניט קיין פערמעגען, פון דעם וואהל-רעכט, איז איינגעפיהרט אין דירעקטער אונ אפענער וויזע, אזוי ווי אין דער אויבענדערמאנטער קאנסטיטוציאן, אדער פערש-טעלטערהייט. דער רעזולטאט איז אימער דער זעלביגער.

די צווייטע פראנצויזישע רעפובליק האט בשום אופן ניט געקענט אין יאהר 1850 אפענערהייט אבנעהמען צוריק דאס

*) דיזע רעוואלוציאן איז בעקאנט אין דער היסטאריע אונטער דעם נאמען „יולי רעוואלוציאן". מען האט דאן פעריאגט דעם קעניג קארל X, און אויף זיין פלאטץ איז קעניג געווארען לואי פהיליפ. אין פעברואר 1848 יאהר איז אויס-געבראכען די „פעברואר-רעוואלוציאן", ווען מען האט פעריאגט דעם קעניג לואי פהיליפ און עס איז ערקלערט געווארען די „צווייטע רעפובליק". דיזע רעפובליק איז געפאללען אין דעצעמבער 1851 און פראנקרייך איז ערקלערט געווארען אלס א אימפעריע אונטער דער רעגירונג פון נאפאלעאן III. דיזע אימפעריע איז גע-פאללען דען 4-טען סעפטעמבער 1870 און עס האט זיך געגרינדעט די „דריטע רעפובליק", וועלכע עקסיסטירט ביז יעטצט.

דער איבערזעטצער.

אללגעמיינע דירעקטע וואהלרעכט, וועלכע איז שוין דאמאלס איין מאל געוועזען ערקלערט און וועלכע מיר האבען נאך דא צו בעטראכטען. אבער זי האט זיך דערמיט געפונען אין עצה, דאס זי האט דורך דעם געזעטץ פון 31-טען מאי 1850 יאהר געגעבען דאס וואה-רעכט נור אזעלכע בירגער, וועלכע האבען געוואהנט צום וועניגסטענס דריי יאהר נאך אנאנד אויף איינעם און דעם זעלבען ארט. און אזוי ווי די ארבייטער אין פראנקרייך זיינען דורך זייער לאגע אפט געצוואונגען צו בייטען דעם ארט און צו זוכען ארבייט און בעשעפטיגונג אין פערשידענע שטעדט, דעריבער האט די בורזשואזיע געהאפט, און טאקי אויף א ריכטיגען גרונד, אויסצושליסען פון דעם וואהלרעכט גרויסע מאססען ארבייטער, וועלכע וועלען ניט זיין אים שטאנד צו בעווייזען, דאס זיי האבען דריי יאהר נאך אנאנד אבגעוואהנט אויף איין ארט.

דא האט איהר אלזא דעם צענז אין א פערשטעלטער פארמע.

נאך פיעל ערגער איז עס ביי אונז (אין פרייסען) פון דער צייט, זינד עס איז ארויס דער „דרייקלאססען-וואהלגעזעטץ", נאך וועלכען עס קומט אויס, דאס 30,10,3 און נאך מעהר מענשען (עס ווענדט זיך אין וואס פאר א געגענד), וואס האבען ניט קיין פערמעגען און וועלכע געהערען אלזא צו דעם דריטען קלאסס, האבען דאס זעלבינע וואהלרעכט, ווי איין איינציגער גרויסבירגער, וואס פערמעגט א גרויסען קאפיטאל און געהערט אלזא צו דעם ערסטען קלאסס וועהלער. עס קומט אלזא פאקטיש אויס, ווען מיר וועלען אננעהמען, דאס אויף יעדען רייכען וועהלער פון דעם ערסטען קלאסס קומט אויס דורכשניטליך צעהן ניט-רייכע פון דעם דריטען קלאסס, דאן קומט אויס, דאס פון יעדע 10 מענשען, וועלכע האבען בעקומען דאס וואהלרעכט אין 1848 יאהר, האבען 9 מענשען פון זיי פערלארען דיזעס רעכט דורך

דעם דרייקלאססען-וואהלגעזעטץ פון 1849 יאהר, און עס דאכט זיך נאר, דאס זיי בענוטצען זיך מיט איהם.

נאר אום צו בעווייזען אייך דעם ריכטיגען און ווירקליכען דורכשניט, ווי פיעל ניט רייכע וועהלער קומען אוים געגען איין רייכען, וועט זיין פאר מיר גאנץ גענוג פארצוברייננען אייך איניגע ציפערען פון די רעגירונגס-ליסטען.

אין יאהר 1848, ווען מען האט איינגעפיהרט דאס אללגעמיינע וואהלרעכט, האבען מיר געהאט 3,661,993 וועהלער.

דורך דעם דרייקלאססען-וואהלגעזעטץ פון 30-טען מאי 1849 איז דיזע צאהל קלענער געווארען ביז 3,255,703, ווייל מען האט אבגענומען דאס וואהלרעכט פון די מענשען, וועלכע האבען ניט געוואהנט א בעשטימטע צייט אויף איין ארט אדער וועלכע האבען בעקומען אונטערשטיטצונג פון די הילפסקאססען פאר ארעמע לייט. אלזא צוליעב דעם אלליין האבען שוין 406,290 מענשען אנגעווארען דאס וואהלרעכט. אבער דאס איז נאך געווען פון די קלייניגקייטען.

די איבעריגע 3,255,703 וועהלער זיינען צערטהיילט געווארען נאך דעם נייעם געזעטץ אויף דריי קלאססען, און נאך די אפיציעלע ליסטען, וועלכע זיינען ארוים נאך די ערקלערונג פון דיזען געזעטץ אין 1849 יאהר, האט צו יעדען קלאסס געהערט די פאלגענדע צאהל מענשען:

צו דעם ערסטען קלאסס וועהלער — 153,808 מענשען.
צו דעם צווייטען קלאסס — — — 409,945 „
צו דעם דריטען קלאסס — — — 2,691,950 „

לאמיר דען צווייטען קלאסס גאר אן אזייט לאזען און לאמיר נאר פערגלייכען דעם ערסטען קלאסס מיט דעם דריטען, די גרויסבירגער מיט די מענשען, וואס האבען קיין פערמעגען ניט. עס קומט אלזא אוים, דאס 153,808 רייכע לייט האבען

דאס זעלבע וואהלרעכט ווי 2,691,950 ארבייטער, קליינבירגער, בויערן א. ז. וו., דאס הייסט, די איינציגע שטימע פון איין רייכען מאנן האט די זעלבע מאכט ווי 17 שטימען פון ניט-רייכע מענשען. ווען מיר וועלען יעטצט נעהמען אין אנבעטראכט, אז אין יאהר 1848 איז דאס אללגעמיינע וואהלרעכט געוועזען בעשטימט דורך דעם געזעטץ פון 8-טען אפריל און אז דאמאלס האבען 153 800 שטימען פון ארבייטער און קליינבירגער געהאט דעם זעלביגען געוויכט ווי 153,800 שטימען פון רייכע לייט, אלזא יעדער ניט-רייכער מאנן האט געהאט די זעלבע וויכטיגקייט ווי יעדער רייכער, — ווען מיר וועלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, קומט אויס, אז יעטצט, ווייל מען דארף האבען 17 ארבייטער-שטימען געגען 1 שטימע פון א רייכען מענשען, — הייסט דאס, אז 16 ארבייטער און קליינבירגער בלייבען שטענדיג בערויבט פון זייער וואהלרעכט, וואס זיי האבען נאך דעם געזעטץ נאך.

אבער אפילו דאס, מיינע הערען, איז נאך אליין גענומען מעהר ניט ווי דורכשניטליך, אין אללגעמיין. אין דער ווירקליכקייט אבער בעשטעהט די זאך נאך גאנץ אנדערס, נאך פיעל ערגער אין פערשיעדענע געגענדען, און איבערהויפט איז זי ערגער אין די געגענדען, וואו די אונגלייכהייט פון אייגענטום איז מעהר ענטוויקעלט. אזוי קומט עס פאר, צום ביישפיעל, אין דיוסעלדארפער וואהל-קרייז, וואו די וועהלער בעשטעהען פון 6356 מענשען פון דעם ערסטען קלאסס און 166,300 מענשען פון דעם דריטען קלאסס, און דאס הייסט, אז 26 שטימען פון ניט-רייכע לייט האבען דעם זעלבען געוויכט ווי 1 שטימע פון א רייכען מאנן.

לאמיר זיך יעטצט צוריקקעהרען צו אונזער הויפט-פונקט. מיר האבען שוין בעוויזען און וועלען נאך בעווייזען ווי אזוי די

בורזשואזיע, נאך דעם ווי זי האט בעקומען די הערשאפט דורך די פראנצויזישע רעוואלוציאן, האט געמאכט איהר עלעמענט, דעם בירגערליכען פערמעגען, פאר דעם הערשענדען פרינציפּ פון אללע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען; מיר האבען שוין אויך געזעהען, ווי אזוי די בורזשואזיע האט ארויפגעלעגט אויף אללע איינריכטונגען פון דער געזעלשאפט דעם הויפט-כאראקטער פון איהר בעזונדערען פרינציפּ, פון דעם בירגערליכען פערמעגען אדער קאפּיטאל, דעם שטעמפּעל פון איהרע פריווילעגיען, פונקט אזוי ווי דער אדעל האט געטהאן אין מיטטעלאלטער מיט דעם ערד-איינענטום. און אין דעם הינזיכט זעהען מיר א פאלשטענדיגען פאראללעל (פערגלייך) צווישען דעם אדעל און די בורזשואזיע.

דיזען פערגלייך, אויף וויפיעל דאס איז נוגע אן דעם וויכטיגסטען פונקט — אן די קאנסטיטוציאן פון דער מלוכה, האבען מיר שוין בעטראכט. אזוי ווי אין מיטטעלאלטער איז דאס ערד-איינענטום געווען דאס הערשענדע פרינציפּ פון פערטרעטונג אין די דייטשע רייכסטאגען, ד. ה. אזוי ווי אין יענער צייט איז אין די דייטשע רייכסטאגען געווען פארגעשטעלט נאר דאס ערד-איינענטום, אזוי איז יעטצט דורך דעם אפּענעם אדער פערשטעלטען צענז פון דער שטייער-צאהלונג, ווייל אט דיזע צאהלונג איז מעגליך נאר פאר דעם מענשען, וועלכער עס האט א געוויסען קאפּיטאל, אזוי איז יעטצט דער קאפּיטאל-פערמעגען דאס איינציגע פרינציפּ, אויף וועלכען איז געגרינדעט דאס וואהלרעכט און דערמיט דער אנטהייל אין דער הערשאפט איבער די מלוכה.

אזוי קענען מיר אויך זאגען וועגען אללע אנדערע ערשיינונגען פון לעבען, ביי וועלכע דאס ערד-איינענטום — ווי מיר

האבען עס געזעהען — איז געווען אין דער מיטטעלאלטערליכער צייט דאס איינציגע הערשענדע פרינציפ.

איך האב איך פריהער אויפמערקזאם געמאכט אויף די שטייער-פרייהייט פון דעם פריצ'ישען ערד-איינענטום אין מיטטעלאלטער און האב געזאגט, דאס יעדער הערשענדער, פריווילעגירטער שטאנד זוכט ארויפצואווארפען דעם גאנצען לאסט פון אללע שטייערען, וועלכע זיינען נויטיג דער מלוכה פיר איהרע בעדירפניסען, אויף די אונטערגעדריקטע, ארעמע קלאססען.

דאס זעלבע טהוט אויך די בורזשואזיע. אמת, זי קען אפילו אפען ניט ארויסזאגען, דאס זי וויל זיין פריי פון צו צאהלען שטייערען. פערקעהרט, איינער פון איהרע פרינציפען בעשטעהט אין דעם, אז יעדער דארף צאהלען שטייערען נאך זיינע איינקינפטע (הכנסות). אבער אין דער ווירקליכקייט בעפרייט זי זיך טאקי פון די שטייערען, אויף וויפיעל עס געלינגט איהר, אין אפערשטעלטע פארמע, דורך די אונטערשיידונג צווישען דירעקטע און אונדירעקטע שטייערען.

די דירעקטע שטייערען, מיינע הערען, בעשטעהען אין דעם, וואס עס נעהמט זיך אראב א געוויסער פראצענט פון די איינקינפטע, אלס שטייער אין דער מלוכה. וואס די איינקינפטע פון דעם אדער יענעם בירגער זיינען גרעסער, — אלץ גרעסערע שטייערען דארף ער צאהלען, און דעריבער זיינען די דירעקטע שטייערען אימער בעשטימט נאך דעם גרויס פון דעם קאפיטאל-פערמעגען און פון די איינקינפטע. אונדירעקטע שטייערען אבער זיינען אזעלכע שטייערען, וועלכע מען לעגט ארויף אויף פערשיעדענע בעדירפניסען, ווי למשל אויף זאלץ, תבואה, ביער, פלייש, הייצונגסמאטעריאל, אדער צום ביישפיעל געריכטס-קאסטען, צאהלונגען פאר געשטעמפעלטע פאפיער און ז. וו. דיזע שטייער צאהלט קען אפטמאל גופא אין פרייז פון דער

זאך, וועלכע מען קויפט, גאר ניט בעמערקענדיג און אפילו ניט וויסענדיג, אז מען צאהלט דא אגעוויסען שטייער, און אז גאר צוליעב דיזע שטייער איז די זאך טהייערער געווארען.

אבער איהר ווייסט דאך גאנץ גוט, מיינע הערען, דאס ווען איינער איז אין 20, 50, 100 מאל רייכער, איידער דער אנדערער, עסט ער דאך צוליעב דעם ניט אויף אין 20, 50, 100 מאל מעהר זאלץ, ברויט, פלייש; ער טרינקט דאך ניט אויס 20, 50, 100 מאל מעהר ביער אדער וויין; ער האט דאך ניט אין 20, 50, 100 מאל מעהר בעדירפניס אין ווארעמען זיך, אלזא אין הייצונגסמאטעריאל, איידער אן ארבייטער אדער קליינבירגער.

דערפון קומט עס, דאס אללע אונדירעקטע שטייערען, אנשטאט צו פאללען אויף יעדען איינצעלנעם נאך זיין קאפיטאל און איינקינפטע, ווערען געצאהלט מייסטענטהיילס פון די ארעמע קלאססען פון פאלק. אמת, ניט די בורזשואזיע האט אויסגעקלערט די אונדירעקטע שטייערען; זיי האבען נאך פריהער אויך עקסיסטירט. אבער די בורזשואזיע האט דיזע שטייערען ענטוויקעלט אין א ברייטע סיסטעם, פון וועלכע מען האט ביז יעטצט גאר ניט געהערט, און האט אזוי געמאכט, דאס כמעט אללע הוצאות אויף די בעדירפניסען פון דער מלוכה ווערען בעדעקט נאר דורך די אונדירעקטע שטייערען.

אום דיזעם אייך צו בעווייזען וועל איך אבליק טהאן, אלס ביישפיעל, אויף דעם ביודזשעט (די איינקינפטע און אויסגאבען פון דער מלוכה) פון פרייסען פאר דעם יאהר 1855.

די גאנצע סומע פון אללע איינקינפטע פון דער מלוכה האט בעטראפען אין יענעם יאהר 108,930,000 טאלער. דערפון געהען אראב 11,967 000 טאלער, אלס איינקינפטע פון די „דאמענען“, ד. ה. פון די וועלדער און מאיאנטקעס, וועלכע גע-

הערען דער מלוכה און וועלכע מיר קענען דא אין בעטראכט ניט נעהמען. עס בלייבט אלזא כמעט 97 מילליאן פון אללע איבריגע הכנסות פון דער מלוכה. פון דיזע איינקינפטע, אויף וויפיעל דער ביודזשעט טהיילט זיי אין דירעקטע און אונדירעקטע שטייערן, רעכענט די רעגירונג אונגעפעהר 26 מילליאן דירעקטע שטייערן. אבער אין דער אמת'ן איז דאס ניט ריכטיג; און אזוי דאכט זיך נאר, ווייל אונזער ביודזשעט ווערט ניט אויסגערעכענט און פערפאסט אויף א ריין וויסענשאפטליכען ארט, נאר ער ווערט צוזאמענגעשטעללט און ער טהיילט פערנאנדער די שטייערן נאך דער אויבערליכער פארמע, אין וועלכער מען קלייבט זיי איין. פון דיזע 26 מיליאן דארף מען אראברעכענען 10 מיליאן שטייערן פאר די ערד, דענן, אבוואהל מען נעהמט דיזע שטייערן דירעקט פון די ערד-אייגענטימער, פון די פריצים, אבער דיזע פריצים רעכענען צו די שטייערן פאר די ערד צו דעם פרייז פון די תבואה, וועלכע זיי פערקויפען, און דעריבער מוז מען דאס שוין רעכענען אלס אונדירעקטע שטייערן, ווייל דיזע שטייער צאהלען סוף כל סוף די, וועלכע געברויכען די תבואה. צוליעב דער זעלבער אורזאכע מוז מען אויך אראברעכענען נאך 2,900,000 טאלער „געווערב-שטייערן", ד. ה. שטייערן פון פאטענטען אויף פערשיעדענע געשעפטען און אונטערנעהמונגען.

די ווירקליכע דירעקטע שטייערן בעשטעהען נאר פון 12,848,000 טאלער.

אלזא, מיינע העררען, פון גאנצע 97 מילליאן, וועלכע די מלוכה בעקומט אלס איהרע איינקינפטע, נעהמט זיך אין דער ווירקליכקייט נאר 12,848,000 טאלער פון דירעקטע שטייערן. אללע איבעריגע סוממען, וואס ווערען געזאמעלט צו פערדעקען די הוצאות פון דער מלוכה — ווען מיר וועלען ניט נאכפאלגען

די אונוויסענשאפטליכע איינטהיילונג פון בורזשעט, וועלכער רעכענט פיר דירעקטע שטייערן, צ. ב., די איינקינפטע פון זאלין-מאנאפאל (8,300,000 טאלער) אדער די איינקינפטע, וועלכע גיבען די געריכטסאיינריכטונגען (8,849,000 טאלער) — אללע איבעריגע סוממען, ניט רעכענענדיג איינינע גאנץ קליינע און אונבעדייטענדע איינקינפטע, דאס אללעס ווערט אויפגעקליבען פון אזעלכע קוואלען, וועלכע האבען די נאטור פון אונדירעקטע שטייערן, און דעריבער נעהמען זיך כמעט אללע הכנסות פון דער מלוכה דורך די אונדירעקטע שטייערן.

די אונדירעקטע שטייערן, מיינע הערען, זייען דעריבער דאס אינסטיטוט, די איינריכטונג, דורך וועלכע די בורזשואזיע האט בעשאפען פיר דעם גרויסען קאפיטאל א פריוויליגיום — פרייהייט פון שטייער, און דורך וועלכע זי ווארפט ארויף אללע הוצאות פון דער מלוכה אויף די ארעמע קלאססען פון דער געזעלשאפט.

בעמערקט אויך צוגלייך, מיינע הערען, דעם מערקווירדיגען ווידערשפרוך און די זאנדערבארע גערעכטיגקייט, מיט וועלכע די בורזשואזיע האנדעלט, דאס פון איין זייט ווארפט זי ארויף די גאנצע לאסט פון די הוצאות אין דער מלוכה אויף די אונדירעקטע שטייערן, ד. ה., אויף דאס ארעמע פאלק, און פון דער אנדער זייט מאכט זי אלס בעדינגונג פון וואהלרעכט, ד. ה. פון פאליטישע הערשאפט די דירעקטע שטייערן, וועלכע טראגען אביין אויף די בעדירפניסע פון דער מלוכה פון גאנצע 108 מילליאן גאר איין קליינינקע סוממע פון 12 מילליאן!

רעדענדיג פריהער וועגען דעם מיטטעלאלטערליכען אדעל, האב איך געזאגט, מיינע הערען, דאס ער האט פעראכטעט יעדע בירגערליכע טהעטיגקייט און אינדוסטריע.

גאנץ דאס זעלבע איז אויך יעצט מיט דער בורזשואזיע.

עס איז אפילו אמת, אז יעדע ארבייט איז היינט גלייך געאכטעט, און ווען א שמאטע-קלייבער אדער דער, וואס רייניגט רינשטאקען, זאל ווערען א מילליאנער, דאן קען ער זיין זיכער, דאס מען וועט איהם אויפנעהמען אין דער געזעלשאפט מיט גרויס כבוד.

אבער וואס פאר א פעראכטונג אין דער געזעלשאפט בעגעגענען די מענשען, וועלכע האבען ניט קיין פערמעגען, וואס פיר א'ן ארבייט זיי זאלען ניט טהאן און ווי שווער די ארבייט זאל ניט זיין — דאס איז א פאקט, וועלכען איהר דארפט גאר ניט דערוויסען זיך פון מיין פארטראג, נאר וועלכען איהר פיהלט לייder זעהר אפט און גאנץ גענוג אין אייער טעגליכען לעבען.

און נאך מעהר, אין פיעל הינזיכטען פיהרט דורך די בורזשואזיע די הערשאפט פון איהר בעזונדערע פריווילעגיום — פון דעם קאפיטאל-אייגענטום — נאך שטארקער און נאך שטרענגער, איידער דער מיטטעלאלטערליכער אדעל האט עס געטהאן מיט זיין פריווילעגיום — מיט דעם ערד-אייגענטום.

די פאלקסבילדונג — איך רעד דא וועגען די בילדונג פון ערוואקסענע מענשען — איז אין דער צייט פון מיטטעלאלטער געווען איבערגעגעבען צו די גייסטליכע. אין היינטיגע צייט האבען דיזע שטעלע איבערגענומען די צייטונגען. דורך די קאוציאנען (זאלאגען, ערבות-געלד), וועלכע די צייטונגען מוזען אריינטראגען, איידער זיי הייבען נאך אן צו ערשיינען, און נאך מעהר דורך די שטעמפעל-שטייער, וועלכע איז ארויפגעלעגט אויף די צייטונגען ביי אונז, אזוי ווי אין פראנקרייך און אנדערע לענדער, — דאס אלעס מאכט יעדע טעגליכע צייטונג פאר א אונטערנעהמונג, וועלכע פאדערט זעהר א גרויסען קאפיטאל, און דורך דעם ווערט די מעגליכקייט צו ווירקען אויף די מיינונגען פון פאלק, צו בילדען איהם און איהם צו

ענטוויקלען, — אַ פּ ר י וו י ל ע ג י ו ם פון גרויסען קאַפּיטאַל.

ווען דאָס וואָלט געווען אַנדערס, מיינע הערען, דאַן וואָלט איהר געהאַט גאַנץ אַנדערע און פיעל בעסערע צייטונגען!

עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו זעהען, מיינע הערען, ווי פריה עס האָט זיך אַרויסגעוויזען דיזע שטרעבונג פון דער בורזשואַזיע צו מאַכען פון דער פּרעססע (צייטשריפטען) אַ פּרי־וויליגיום פון קאַפּיטאַל, און אין וועלבער נאַאיווער, אונפער־דעקטער פאָרמע דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען. אין עטליכע טעג אַרום נאָך דער צערשטערונג פון באַסטיליען, דען 24־טען יולי 1789 יאָהר, ד. ה. גאָר אין די ערסטע טעג, ווען די בורזשו־אַזיע האָט אַריינגענומען די פּאָליטישע הערשאַפט אין איהרע הענד, האָבען די פאָרשטעהער פון פּאַריז אַרויסגעגעבען אַ בעש־לוס, וועלבער האָט געמאַכט די דרוקער פּעראַנטוואָרטליך, ווען זיי וועלען דרוקען בראָשורען און פלוג־בלעטער פון שרייבער, „וואָס האָבען ניט קיין בעשטימטע לעבענסמיטלען". אַלזאָ די פרייהייט צו דרוקען האָט געזאָלט עקסיסטירען נאָר פיר אַזעלכע שרייבער, וועלבע האָבען בעשטימטע איינקינפטע פון וואָס צו לעבען. דאָס א י י ג ע נ ט ו ם ערשיינט אַלזאָ אַלס די בעדינגונג פיר די פרייהייט פון דרוקען און אפילו פיר די זיטטליכקייט פון דעם שרייבער גופא. די נאַאיוויטעט און פּראַסטקייט פון די ערסטע טעג, ווען די בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבען הערשען, דריקט אויס, נאָר אויף אַ קינדיש־אָפענעם אופן דאָס, וואָס מען פיהרט דורך היינט אין אַ קינסטליכער פאָרמע דורך קאַוציאָנען און שטעמפּעל־שטייערן.

לאָמיר דאַ, מיינע הערען, זיך בעגגנוגען מיט דיזע גרויסע, כאַראַקטעריסטישע פאַקטען, אַזוי ווי מיר האָבען גע־טהאַן, ווען מיר האָבען בעטראַכט די מיטטעלאַלטערליכע צייט.

מיר האָבען ביז העהר בעטראַכט, מיינע הערען, צוויי

היסטארישע עפאכען, און יעדע פון זיי שטעהט אונטער די הערשענדע אידעע פון איין בעשטימטען קלאסס, וועלכער לעגט ארויף זיין פרינציפּ אויף אללע איינריכטונגען פון יענער צייט.

ערסטענס האבען מיר בעטראכט די אידעע פון דעם אדעל אדער דאס ערד-אייגענטום, וועלכע האט געבילדעט דעם הערשענדען פרינציפּ פון מיטטעלאלטער און האט דורכגעדרונגען אללע איינריכטונגען פון יענער צייט.

דיזע עפאכע ענדיגט זיך מיט דער פראנצויזישער רעוואלוציאן, אבוואהל עס זיינען נאך אי היינט געבליבען, ווי איהר ווייסט עס גענוי, זעהר פיעלע און בעדייטענדע רעסטען פון יענער ערסטער היסטארישער עפאכע, וועלכע שטערען נאך ביז יעטצט דער בורזשואזיע אויף יעדען שריט און טריט. און בעזאנדערס זעהען מיר דאס אין דייטשלאנד, וואו די אומענדערונג האט ניט דאס פאלק געמאכט, נאר זי איז דורכגעפיהרט געווארען דורך די רעגירונג אויף דעם וועג פון לאנגזאמע און אונפאלקאמענע רעפארמען.

צווייטענס האבען מיר געזעהען, אז מיט דער פראנצויזישער רעוואלוציאן פון 18-טען יאהרהונדערט הייבט זיך אן א נייע עפאכע אין דער היסטאריע, וועלכע גרינדעט זיך אויף א נייעם פרינציפּ, אויף דעם גרויסען בירגערליכען פערמעגען אדער קאפיטאל. אט די נייע עפאכע האט דעם פרינציפּ פון קאפיטאל-פערמעגען געמאכט אלס איהר פריווילעגיום, וועלכער איז דורכגעדרונגען דורך אללע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען און וועלכער איז די איינציגע בעדינגונג צו נעהמען אנטהייל אין דער פיהרונג פון דער מלוכה, אין דער בעשטימונג פון איהר וויללען און צוועק.

אבער דיזע צווייטע עפאכע, מיינע הערען, איז שוין אין דער ווירקליכקייט איבערגעגאנגען, האטש פון

דער אויסערליכער זייט איז עס נאך שווער צו ב׳מערקען.

דען 24-טען פעברואר 1848 יאהר האט זיך בעוויזען דער מארגענשטערן פון א נייער היסטארישער עפאכע.

אין דיזען טאג האט אין פראנקרייך, אין דעם לאנד, וואו עס זיינען פארגעקומען אזעלכע געוואלטיגע אינגערליכע מלחמות פאר די פרייהייט און וואו דער זיעג אדער, פערקעהרט, די נידערלאגע (דורכפאל) פון פרייהייט בעדייטעט אין דער זעלבער צייט דעם זיעג אדער די נידערלאגע פון דער גאנצער מענשהייט, אין דיזעם לאנד האט אויסגעבראכען א רעוואלוציאן, וועלכע האט אריינגעבראכט א׳ן ארבייטער (מיט׳ן נאמען אלבער) אלס מיטגליעד אין די דאמאלסדיגע רעגירונג, האט עפענטליך ערקלערט, אז דער צוועק פון דער מלוכה איז צו פערבעסערען די לאגע פון דעם ארבייטערקלאסס און האט פראקלאמירט דאס אללגעמיינע און דירעקטע וואהלרעכט, דורך וועלכע יעדער בירגער, וואס איז געווארען אלט 21 יאהר, האט בעקומען דאס רעכט צו נעהמען א גלייכען אנטהייל אין דער פיהרונג פון דער מלוכה, אין דער בעשטימונג פון איהרע צוועקען און שטרעבונגען. ניט קוקענדיג אויף דעם, צו איז ער רייך אדער ארעם.

איהר זעהט, מיינע הערען, דאס ווען די רעוואלוציאן פון 1789 יאהר איז געווען א רעוואלוציאן נאר פון *דריטען* שטאנד, איז יעטצט די רעוואלוציאן פון 1848 יאהר — א רעוואלוציאן פון *פיערטען* שטאנד, וועלכער איז נאך אין 1789 געווען בעהאלטען אין די פאלדען פון דריטען שטאנד, און עס האט זיך געדאכט אז זיי ביידע זיינען איינס און דאס זעלבע. יעטצט וויל דער פיערטער שטאנד מאכען, דאס זיין פרינציפ זאל זיין דאס הערשענדע פרינציפ פון דער גאנצער געזעלשאפט און מיט *איהם*, מיט זיין פרינציפ, זאלען זיין דורכגעדרונגען אללע איהרע איינריכטונגען

אבער דא, ביי דער הערשאפט פון פיערטען שטאנד, געפינען מיר דעם גרויסען אונטערשיעד צווישען איהר און די הערשאפט פון אנדערע קלאססען, דאס דער פיערטער שטאנד איז דער לעטצטער אונטערגעדריקטער קלאסס, וועלכער שטעללט ניט און קען ניט שטעללען קיינע בעזונדערע בעדינגונגען, ניט רעכטליכע און ניט פאקטישע; ער קען ניט פאדערען קיין שום פריווילעגיום, ניט קיין פריווילעגיום פון אדעל, ניט קיין פריווילעגיום פון ערד-אייגענטום, ניט קיין פריווילעגיום פון וועלכען עס איז קאפיטאל-פערמעגען, אום דורכצופיהרען זיין פריווילעגיום אין אללע איינריכטונגען פון דער געזעלשאפט.

מיר אללע זיינען ארבייטער, אויף ווי פיעל מיר האבען נאר דעם גוטען וויללען צו בריינגען אויף וועלכען עס איז אופן נוטצען דער מענשליכער געזעלשאפט.

דער פיערטער שטאנד ענטהאלט שוין אין זיך ניט קיין שום סימן פון וועלכע עס איז נייע פריווילעגיען און בע-דייטעט דעריבער דאס זעלבע וואס די גאנצע מענשהייט. זיינע אינטערעססען זיינען ווירקליך די אינטערעססען פון דער גאנצער מענשהייט, זיין פרייהייט איז די פרייהייט פון דער מענשהייט בכלל און זיין הערשאפט איז די הערר-שאפט פון א״לעמען.

ווער עס ווילל אלזא איינפיהרען די אידעע פון דעם אר-בייטערקלאסס, אלס דעם הערשענדען פרינציפ פון דער געזעל-שאפט, אין דעם זינגען, ווי איך האב איהם דא אייך ערקלערט, דער דריקט ניט אויס א׳ן אויסגעשריי, וואס צערטהיילט און צושפאלט די קלאססען פון דער געזעלשאפט אויף פיינדליכע לאגערען. פערקעהרט, דער דריקט אויס א׳ן אויסגעשריי פון פריעדען און אויסגלייכונג, א׳ן אויסגעשריי, וואס נעהמט ארום די גאנצע געזעלשאפט, א׳ן אויסגעשריי צו מאכען א סוף

פון אללע געגענזעטצטע צווישען די גרופפען אין דער געזעלשאפט, אין אויסגעשריי פון פעראייניגונג, אויף וועלכען עס דאר־פען זיך אברופען אללע מענשען, וואס ווילען ניט, אז דאס פאלק זאל זיין בעהערשט און אונטערדריקט פון די פריווילער־גירטע קלאססען, אין אויסגעשריי פון ליעבע, וועלכער, זינד ער איז צום ערסטען מאל, ארויס פון פאלקסהארצען, וועט אללע מאל בלייבען דער אמת'ר אויסגעשריי פון פאלק, און ווען אפילו דיזער אויסגעשריי וועט הילכען, אלס דער קריעג־געשריי פון פאלק אין קאמפף פאר זיין בעפרייאונג, וועט ער דאך בלייבען נאך דעם אינהאלט און שטרעבען א ווירק־ליכער אויסגעשריי פון ליעבע.

אונז בלייבט נאר יעצט צו בעטראכטען דעם פרינציפ פון דעם ארבייטערקלאסס, אלס דעם הערשענדען פרינציפ פון דער געזעלשאפט, פון דריי זייטען:

1) די מיטלען, מיט וועלכע מען קען דיזען פרינציפ פערווירקליכען;

2) דער זיטטליכער אינהאלט פון דיזען פרינציפ;

3) דער צוועק פון דער מלוכה, לויט די פאליטישע פאר־דערונגען פון דיזען פרינציפ.

אויף אנדערע זייטען פון דיזען פרינציפ קענען מיר זיך דא ניט אבשטעללען, און אפילו די דריי זייטען קענען מיר נאר גאנץ קורץ בעטראכטען, ווייל די צייט איז שוין קורץ.

דאס מיטעל, מיט וועלכען מען קען דורכפיהרען דעם פרינציפ פון דעם ארבייטערקלאסס, איז דאס אללגעמיינע און דירעקטע וואהלרעכט, וועלכע מיר האבען שוין בעטראכט. איך זאג דאס אללגעמיינע און דירעקטע וואהלרעכט, מיינע הערען, אבער ניט דאס אללגעמיינע וואהלרעכט אליין, ווי מיר האבען עס געהאט אין 1848 יאהר. דאס, וואס מען האט איינ־

געפיהרט אין דעם וואהל-געזעטץ צוויי־ערליי גראדען: אורוועהלער און וואהל-מענער*) איז מעהר ניט געווען, ווי א קונציגעס מיטטעל, וואס מען האט מיט א כיון איינגעפיהרט, כדי איבערצודרעהען קאפויער דעם אמת׳ן ווילען פון פאלק ביי די וואהלען פון יענער צייט.

דאך, מיינע העררען, אפילו דאס אללגעמיינע און דירעקטע וואהל-רעכט איז אויך ניט קיין „ווינשפינגערעל", קיין כישוף-שטעקעל, וועלכער זאל אייך קענען פערהיטען ביי יעדען מאמענט פון געוויסע פעהלערען.

מיר האבען געזעהען אין פראנקרייך צוויי שלעכטע וואה-לען איינע נאך די אנדערע אין די יאהרען 1848 און 1849. אבער דאס אללגעמיינע און דירעקטע וואהלרעכט איז דאס איינציגע מיטטעל, וואס פערגלייכט אליין מיט דער צייט די זעלבע פעה-לערען, צו וועלבע דאס שלעכטע בענוטצען זיך מיט דעם וואהל-רעכט האט געבראכט אין דעם אדער יענעם מאמענט. דאס איז א שפיז, וועלכער היילט אויס די זעלבע וואונדען, וואס ער אליין האט געמאכט. בענוטצענדיג זיך מיט דעם אללגעמיינען און דירעקטען וואהלרעכט, קענען מיר זיין זיכער, דאס סוף כל סוף וועט מוזען קומען א צייט, אז די פערזאמלונג, וועלבע דאס פאלק האט אויסגעקליבען אלס זיין פארשטעהערין, וועט מאכן זיין דער געטרייער און ריכטיגער בילד פון פאלק.

דאס פאלק מוז דעריבער שטענדיג בעטראכטען דאס אלל-געמיינע און דירעקטע וואהלרעכט אלס זיין נויטיגעס פאליטישעס קאמפפסמיטטעל, אלס זיין וויכטיגסטע גרונד-פארדערונג.

---

*) אזא טחיילונג עקסיסטירט דארט, וואו די וואהלען זיינען ניט-דירעקטע, דאס הייסט דאס פאלק (די „אורוועהלער") קלייבט אויס מעהר ניט ווי „וואהל-מענער", און דיזע „וואהל-מענער" קלייבען שוין דאן אויס דעפוטאטען אין פארלאמענט.

דער איבערזעטצער.

יעטצט וועל איך ווארפען א בליק אויף דעם זיטליכען אינהאלט פון דעם געזעלשאפטליכען פרינציפ, וועלכען מיר בעטראכטען דא.

עס קען אפשר זיין, אז דער געדאנק צו מאכען דעם פרינציפ פון די אונטערסטע, נידעריגע קלאססען פאר דעם הערשענדען פרינציפ פון דער מלוכה און פון דער געזעלשאפט איז זעהר א געפעהרליכער און אונזיטטליכער געדאנק; עס קען אפשר זיין, אז פון דער גאנצער זיטטליכקייט און בילדונג וועט ווערען בטל און זיי וועלען פערניכטעט ווערען דורך דעם „מאדערנעם בארבאריזמוס", ד. ה. דורך די נייעסטע ווילדהייט און גראבהייט, וועלכע דער נייער פרינציפ וועט איינפיהרען?

און עס איז גאר קיין וואונדער ניט, דאס אזא מיינונג זאל טאקי ביי היינטיגע צייט עקסיסטירען, ווייל די עפענטליכע מיינונג, מיינע הערען, — און איך האב אייך שוין אנגעוויזען, אז דאס מיטעל צו פערעפענטליכען די מיינונג זיינען די צייטונגען — טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון קאפיטאל, דעם שטעמפעל, וועלכער איז אויסגעגאסען מיט די הענד פון דער פריווילעגירטער גרויס-בורזשואזיע.

אבער אזא פורכט (מורא) איז מעהר ניט ווי א פאלשע איינבילדונג, און מען קען דערוויזען, אז דיזער געדאנק, פערקעהרט, וואלט בעדייטעט אזא פארטשריט און טריאומף (נצחון) פון זיטטליכקייט, פון וועלכען די וועלט-געשיכטע ביז יעטצט קען נאך קיין ביישפיעל ניט געבען.

יענע מיינונג, זאג איך, איז מעהר ניט ווי א פאלשע איינבילדונג. אבער דאס איז מעהר ניט ווי א פאלשע איינבילדונג פון היינטיגע צייט, אין וועלכער עס הערשען נאך פריווילעגיען.

עס איז געוועזען א'ן אנדער צייט, די צייט פון דער ערסטער

פראנצויזישער רעפובליק פון 1793, פון וועלכער איך האב שוין אייך געזאגט, דאס איך קען זי היינט גענוי ניט בעטראכטען און דאס זי איז נויטווענדיג אונטערגעגאנגען, ווייל איהרע ציעלען זיינען פאר איהר אלליין ניט געווען קלאר, — אין יענער צייט האט געהערשט א'ן אנדער איינבילדונג, וועלכע איז דער היפוך פון דיזער. דאמאלס איז געווען אנגענומען פיר א דאגמאט, פיר א הייליגען געבאט צו מיינען, אז אללע העכערע קלאססען זיינען פערדארבען און אונזיטטליך און נאר דאס נידעריגע פאלק איז גוט, עהרליך און זיטטליך. דיזע מיינונג שטאמט פון רוססא *). אין דער נייער „ערקלערונג פון די מענשען־רעכטע", וואס דער פראנצויזישער „קאנווענט", אט דיזער געוואלטיגער פארלאמענט, וואס האט אזא רעש אנגעמאכט, האט ארויסגעגעבען, געפינט זיך א בעזונדערער ארטיקעל, דער ארטיקעל 19, וואו עס איז בפירוש אויסגעדריקט, דאס „יעדע איינריכטונג טראגט אין זיך א גרויסען חסרון, ווען זי איז ניט געבויט אויף דעם געדאנקען, אז דאס פאלק איז באמת גוט און נאר די אדמיניסטראציאן, די בעאמטען און רעגירענדע זייגען פאלש און פערדארבען". איהר זעהט, אז דאס איז גראדע דער היפוך פון דעם הערצליכען צוטרויען צו דער רעגירונג, וואס מען פאדערט פון אייך היינט, און לויט וועלכען עס איז ניטא קיין גרעסערע זינד, ווי צו צווייפלען אין דעם גוטען וויללען און אין די גוטע מעלות פון די רעגירער, אין דער צייט, ווען אויף דאס פאלק קוקט מען ווי אויף א חיה־רעה און ווי אויף דעם איינציגען ארט פון אללע פערדארבענהייטען

*) זשאן זשאק רוססא איז איינער פון די גרעסטע שרייבער און דענקער פון 18-טען יאהרהונדערט. אין זיינע ווערק שטעהט ער אויף אין נאמען פון דעם מענשענגעפיהל געגען די אונגלייכהייט און אונגערעכטיגקייט, און ער איז געווען איינער פון יענע פראנצויזישע פילאזאפען, וועלכע האבען ענטוויקעלט די אידעען פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן. דער איבערזעטצער.

אין יעדער צייט האט די איינבילדונג, אַז אַלע העכערע קלאַססען זיינען פערדאָרבען און נאָר דאָס פאָלק איז זיטטליך, אַזוי ווייט געבראַכט, דאָס אויף יעדערען, ווער עס האָט נאָר געטראָגען אַ גאַנצען ראָק, האָט מען געקוקט ווי אויף אַ פערדאָרבענעם און פערדעכטיגען מענשען, און מען איז געווען איבערצייגט, אַז די אמת'ע גוטסקייט, ריינהייט און פּאַטריאָטישע זיטטליכקייט געפינט זיך נאָר ביי די, וואָס זיינען בעדעקט מיט לומפּען: דאָס איז געווען די עפּאָכע פון „סאַן-קילאָטיזמוס"**).

דיזע מיינונג, מיינע הערען, איז אין עצם געגרינדעט אויף אַן וואַרהייט (אַ'ן אמת), נאָר זי טרעט אַרויס אין אַ פערקעהרטער און ניט-ריכטיגער פאָרמע. עס קען אָבער ניט זיין קיין געפעהרליכערע זאַך, ווי אַ וואַהרהייט, וואָס טרעט אַרויס אין אַ פערקעהרטער און ניט-ריכטיגער פאָרמע, ווייל ווי מען זאָל זיך מיט איהר ניט בעגעהען, וועט מען אַלין קומען צו שלעכטעס. געהמט מען אָן דיזע וואַרהייט אין איהר פערקעהרטער און ניט-ריכטיגער פאָרמע, דאַן פיהרט עס אין געוויסע צייטען צו די שעדליכסטע פערניכטונגען, אַזוי ווי עס האָט געטראָפען אין דער צייט פון „סאַן-קילאָטיזמוס". ווען מען זאָל אָבער די גאַנצע מיינונג האַלטען פאַר אַ פאַלשע צוליעב דער פערקעהרטער און ניט-ריכטיגער פאָרמע, אין וועלכער זי איז אויסגעדריקט, און מען זאָל זי אין גאַנצען ניט אָננעהמען, דאַן טהוט מען נאָך אַ'ן ערגערע זאַך. דען מען האָט אַוועקגעוואָרפען אַ וואַרהייט, און אין דעם פאַל, פון וועלכען מיר רעדען דאָ, גראָדע אַזאַ וואַהרהייט, וואָס, אויב מען זאָל זי ניט

**) „סאַן-קילאָט" הייסט אויף פראַנצויזיש — אָהן הויזען, אין מיט דעם נאָמען סאַן-קילאָטיזמוס האָבען די פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטען אָנגערופען דעם פעריאָד אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, ווען דאָס אָרעמע פאָלק איז געווען די איינציגע הערשערין איבער'ן לאַנד.

דער איבערזעטצער.

אגערקענען, איז גאר אונמעגליך צו מאכען איין איינציגען רעכטען שריט אין היינטיגען געזעלשאפטליכען לעבען.

עס בלייבט אונז אלזא נאר איין זאך צו טהאן: אוועקלעגען אן א זייט די פערקעהרטע, ניט-ריכטיגע פארמע און זוכען קלאר צו מאכען די וואהרהייט אליין, דעם אמת'ען אינהאלט פון אזא מיינונג.

מיר האבען געזאגט, אז די עפענטליכע מיינונג פון היינטיגער צייט איז גיכער געניינט צו בעטראכטען די מיינונג, וואס האט געהערשט אין 1793 יאהר אלס דורכאויס א פאלשע. און אז זי איז מעהר ניט געוועזען ווי א דעקלאמאציאן, א הויכע מליצה, פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן און פון רוססא. אבער, אויב עס איז נאך מעגליך אזוי מבטל זיין, אזוי אוועקמאכען אונטערן האנד די מיינונג פון רוססא און פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן, — איז עס אבער גאר אונמעגליך צו בעגעהען זיך אזוי מיט איינעם פון די גרעסטע דייטשע פילאזאפען, מיט איינעם פון די מעכטיגסטע דענקער פון אללע לענדער און צייטען — מיט פיכטע'ן, וואס אונזער שטאדט גרייט זיך צו פייערען זיין הונדערטיאהריגען געבורטסטאג אין דעם קומענדען מאנאט.

אויך פיכטע זאגט אויסדריקליך און דייטליך, אז וואס העכער א שטאנד איז, אלץ מעהר און גרעסער איז זיין זיטטליכע פערדארבענהייט. ער אליין דריקט זיך אויס מיט די פאלגענדע ווערטער: „די שלעכטיגקייט פערגרעסערט זיך אין דעם ערך, אויף ווי פיעל דער שטאנד שטעהט העכער אין דער געזעלשאפט".

די הויפט-אורזאכע, אויף וועלכער דיזע מיינונג איז געגרינדעט, האט פיכטע אבער אויך ניט ערקלערט. ער געפינט, דאס די אורזאכע פון דיזער פערדארבענהייט נעהמט זיך פון

דער איינגענליעבע, פון דעם עגאאיזמוס, וועלכער הערשט אין די העכערע קלאססען. אבער דאן שטעללט זיך גלייך א פראגע: צו הערשט דענן אויך ניט אין די אונטערסטע קלאססען איינגענליעבע, עגאאיזמוס, אדער ווארום זאל זי דארטען וועניגער הערשען? אזא מיינונג, דאס אין די אונטערסטע קלאססען זאל קענען הערשען א קלענערער עגאאיזמוס איידער אין די העכערע, דארף פון ערסטען בליק אויסווייזען זאגאר ווי עפעס א וואונדערבארער ווידערשפרוך, ווייל די העכערע קלאססען זיינען דאך אזוי ווייט פארטגעשריטען דורך זייער ערציהונג און בילדונג, וועלכע ווירקען אימער אויף מענשען — ווי עס איז אללעמען בעקאנט — צו מאכען זיי פיינער און זיטטליכער.

די ריכטיגע אורזאכע און די ערקלערונג פון דיזען וואונדערבארען ווידערשפרוך בעשטעהט אין פאלגענדעם:

די ענטוויקלונג פון פעלקער, דער לעבענס-אטהעם פון דער מענשליכער היסטאריע, פיהרט שוין פון א לאנגע צייט, ווי מיר האבען עס געזעהען, וואס ווייטער, אלץ מעהר צו'ר אבשאפונג פון אללע פריווילעגיען, וועלכע פערזיכערען פיר די הערשענדע שטאנדע זייער לאגע, אלס די לאגע פון העכערע און פריווילעגירטע קלאססען. אבער דער וואונש פון די העכערע קלאססען ניט ארויסצולאזען פון האנד דיזע פריווילעגיען אדער דער פערזענליכער אינטערעס פון יעדען איינצעלנען טרייבט יעדען מיטגליעד פון דיזע קלאססען, וועלכער האט זיך ניט אויפגעהויבען איינמאל פאר אללע מאל העכער, איידער די אינטערעסען פון זיין אייגענעם פערזענליכען לעבען דורך א הויכען און בריי׳טען פערשטאנד — און אזעלכע מענשען, ווי איהר ווייסט, מיינע הערען, טרעפען זיך בכלל זעהר זעלטען — טרייבט איהם צו האלטען זיך פעסט אן זיין פריווילעגירטע לאגע. אבער דיזע נאטירליכע שטרעבונג צו האלטען זיך פעסט

אן זיין פריווילעגירטע לאגע מאכט איהם נויטווענדיג פאר א פרינציפיעלען פיינד פון אללעס, וואס ענטוויקעלט דאס פאלק, פון אללעס, וואס פערברייטערט בילדונג און וויסענשאפט, פון אללעס, וואס טרייבט פארווערטס די קולטור און ציוויליזאציאן, — מיט איין ווארט, ער ווערט א פרינציפיעלער פיינד פון דעם אללגעמיינעם פראגרעס און פון די נצחונות (זיעגען), וואס דער היסטארישער לעבען ברייגגט מיט זיך.

דיזער געגענזאטץ צווישען דעם פערזענליכען אינטערעס פון די העכערע זקלאססען פון איין זייט און דער קולטור-ענטוויקלונג פון פאלק פון דער אנדער זייט — אט דאס איז די אורזאכע פון דער נויטווענדיגער, טיעפער אונזיטטליכקייט, וועלכע הערשט אין די פריווילעגירטע קלאססען. איהר דארפט זיך גאר פארשטעללען די בעדינגונגען, אין וועלכע דאס לעבען שטעללט די מענשען פון דיזע קלאססען יעדען טאג, אום צו פערשטעהען די טיעפע פערדארבענהייט, וואס אזא לעבען מוז ארויסרופען. זיין געצוואונגען צו שטעהען געגען אללעס, וואס איז באמת גרויס און גוט, צו בעדויערען און האבען צער, ווען דאס פאלק מאכט פארטשריטען, פרעהען זיך און הנאה האבען, ווען איהם געלינגט דאס ניט, פערהאלטען דעם גאנג פון זיין פראגרעס, זוכען צו שטופען איהם צוריק, שיטען קללות אויף זיין נצחון (זיעג) — אט דאס איז דאס לעבען פון די פריווילעגירטע קלאססען. דאס לעבען, וועלכען זיי פיהרען, איז ווי א לעבען אין א פיינדליכען לאנד, וואו דער פיינד איז די זיטטליכע געמיינשאפט, די פערבינדונג און אחדות פון איינעם פאלק, און די זעלבע פערבינדונג, אין וועלכער מען לעבט און צו וועלכער מען דארף שטרעבען, ווייל נאר דיזע שטרעבונג איז די אמת'ע, וואהרע זיטטליכקייט. אזא לעבען, זאג איך, איז א לעבען אין א פיינדליכען לאנד, וואו דער פיינד איז דאס איינענע

פאלק; און דערצו נאך, בעטראכטענדיג און בעהאנדלענדיג זייער פאלק טאקי ווי א פיינד, מוזען זיי דעם פאקט קינסטליך בעהאלטען; זיי מוזען אזוי פערשטעללען און פערדעקען זייער פיינדשאפט, אז קיינער זאל זי ניט בעמערקען.

מען מוז נאך דערצו צוגעבען, דאס די פריווילעגירטע קלאססען זיינען געצוואונגען, דורך זייער אייגענע לאגע, אזוי צו האנדלען, און אויף דעם אופן געהען זיי דעריבער ארוים אדער געגען די שטימטע פון זייער אייגענעם געוויסען (יושר) און פערשטאנד, אדער זיי האבען זיך שוין אזוי צוגעוואהנט צו פערשטיקען דיזע שטימטע, דאס זי בעאונרוהיגט זיי שוין גאר ניט, אדער ענדליך זיי האבען דיזע שטימטע קיינמאל ניט געקענט און האבען פון קיין אנדערע און בעסערע זאך קיינמאל ניט געהערט אויסער די רעליגיאן פון זייער אייגענעם אינטערעס.

אזא לעבען, מיינע הערען, פיהרט נויטווענדיג צו א פאלער אונזיטטליכקייט און פערדארבענהייט. די מענשען, וועלכע פיהרען אזא לעבען, פעראכטען און פערהאסען אלע אידעאלע שטרעבונגען; עס איז גענוג פאר זיי צו דערמאנען דעם הויכען און גרויסען נאמען פון א אידעע, אום ארויסצורופען אויף זייערע ליפען א פעראכטונגס-שמייכעל. זיי זיינען טיעף גלייכגילטיג און זיי עקעלט אפילו פון אללעם, וואס איז באמת גרוים און שעהן, און אללע מידות טובות זיינען ביי זיי פערשטיקט דורך איין איינציגען געדאנק וועגען די אינטערעסען פון אייגענעם נפש און דורך איין איינציגע שטרעבונג צו תענוגים און מיאוסע תאוות.

ביי די נידעריגע קלאססען, מיינע הערען, פעהלט אבער צום גליק דיזער געגענזאטץ צווישען די פערזענליכע אינטערעסען פון איין זייט און דער קולטור-ענטוויקלונג פון פאלק פון דער אנדער זייט.

עס איז לײדער אמת, אז אין די נידעריקע קלאסען איז דא נאך אויך גענוג אײנגעגליעבע, ענאאיזמוס, נאך פיעל מעהר אײדער עס האט געדארפט זײן, אבער דא איז דער עגאאיזמוס א פעהלער נאר פון אײנצעלנע, בעזונדערע פערזאנען און ניט א נויטווענדיגער פעהלער פון דעם גאנצען קלאסס.

אפילו דער פראסטעסטער שכל זאגט אונטער יעדען מיט־גליעד פון די אונטערע קלאססען, דאס כל־זמן יעדער ווערט בלײבען פאר זיך זעלבסט און וועט דענקען גאר וועגען זיך — קען ער ניט האפען אויף א וויכטיגע פערבעסערונג פון זײן אײגענער לאגע.

אבער וואס מעהר די אונטערע קלאססען פון דער גע־זעלשאפט שטרעבען צו פערבעסערען זײער לאגע אלס קלאסס, צו פערבעססערן זײער קלאססענצושטאנד, דאס מעהר טרעפט זיך צוזאמען זײער פערזענליכער אינטערעס מיט דער ענטוויקלונג פון גאנצען פאלק, מיט דעם זיג פון דער אידעע, מיט דעם פארטשריט פון דער קולטור, מיט דעם לעבענספרינציפ פון דער מענשליכער היסטאריע, וועלכע איז אײגענטליך ניט קײן אנדער זאך, ווי די ענטוויקלונג פון פרײ־הײט. אויף אזא אופן שטעללט זיך דיזער פערזענליכער אינ־טערעס ניט געגען די היסטארישע בעוועגונג און קען דעריבער ניט ווערען אונזיטטליך און פערדארבען. קורץ, ווי איך האב שוין אויבען געזאגט, מײנע הערען, איז אײער זאך די זאך פון דער גאנצער מענשהײט בכלל.

איהר זײט דעריבער, מײנע הערען, אין א גליקליכער לאגע, ווייל אנשטאט דעם, וואס איהר האט געקענט זײן אב־געשטארבען פיר די אידעע, זײט איהר דורך אײער פערזענ־ליכען אינטערעס גופא גענויטיגט אנצונעהמען די אידעע און זײן צו איהר איבערגעגעבען. איהר זײט אין א גליקליכער

לאגע, ווייל גראדע די זעלבינע זאך, אין וואס עס בעשטעהט אייער פערזענליכער אינטערעס, שליסט זיך צונויף מיט דעם פולס פון דער היסטאריע און מיט דעם טרייבענדען לעבענס-פרינציפ פון דער אללגעמיינער זיטטליכער ענטוויקלונג. דעריבער קענט איהר מיט דער זעלבער איבערגעבענהייט, ווי צו אייער פערזענליכען אינטערעס, אבגעבען זיך אויך פיר די היסטארישע ענטוויקלונג און איהר קענט זיין זיכער, אז וואס קרעפטיגער און היטציגער עס וועט זיין אייער איבערגעבענהייט — אלץ זיטטליכער וועט איהר זיין אין דעם זיננען, ווי איך האב איך דא ערקלערט.

אט דאס זיינען די אורזאכען, מיינע הערען, פאר וואס די הערשאפט פון פיערטען שטאנד איבער דער מלוכה וועט פיהרען צו אזא בליהונג פון זיטטליכקייט, ציוויליזאציאן און וויסענשאפט, ווי עס איז נאך ניט פארגעקומען אין דער היסטאריע.

צו דיזע אויפבליהונג פיהרט אויך נאך א'ן אנדער אורזאכע, וועלכע איז אויך זעהר פעסט צוזאמענגעבונדען מיט אללע בעטראכטונגען, אויף וועלכע מיר האבען זיך דא אבגעשטעללט, און וועלכע בילדעט דעם הויפט-גרונד פון דיזע בעטראכטונגען.

דער פיערטער שטאנד האט ניט נאר א'ן אנדערען פאליטישען פרינציפ, ווי די בורזשואזיע, און דאס איז — דאס אללגעמיינע דירעקטע וואהלרעכט אנשטאט דעם צענז פון דער בורזשואזיע; ער האט ווידער דורך זיין לאגע, וואס ער פערנעהמט אין לעבען, ניט נאר א גאנץ אנדערע בעציהונג צו די זיטטליכקייט, ווי די העכערע קלאססען; נאר ער האט אויך — און דאס איז טהיילווייז טאקי דורך דיזע אורזאכען — נאר א'ן אנדער פארשטעללונג, נאר א בעזונדערע מיינונג איידער די בורזשואזיע וועגען דעם זיטטליכען צוועק פון דער מלוכה.

די זיטטליכע אידעע פון דער בורזשואזיע בעשטעהט אין

דעם, דאס פאר יעדען איינצעלנעם מענשען דארף זיין גאראנטירט (בעזיכערט) נור איין זאך — די פרייע טהעטיגקייט פון זיינע אייגענע קרעפטען, ד. ה. קיינער דארף ניט האבען דאס רעכט צו שטערען דעם אנדערען אין זיין פערזענליכע ארבייט און אונטערנעהמונגען.

ווען אלע מענשען וואלטען געווען גלייך שטארק, גלייך קלוג, גלייך געבילדעט און גלייך רייך, דאן וואלט מען קענען בעטראכטען דיזע אידעע, אלס א זיטטליכע, און מיר וואלטען זיך מיט איהר בעגנוגענען.

אבער אזוי ווי מיר זיינען ניט און קענען ניט זיין גלייך אויף אזא אופן, דעריבער איז דיזע אידעע ניט גענוגענד און זי פיהרט נויטווענדיג צו זעהר א טיעפע אונזיטטליכקייט. דענן זי פיהרט דערצו, דאס דער שטארקערער, קלוגערער און רייכערער עקספלואטירט און דריקט דעם שוואכערען.

די זיטטליכע אידעע פון דעם ארבייטערקלאסס בעשטעהט, פערקעהרט, אין דעם, דאס עס איז נאך ווייניג צו לאזען פריי און ניט צו שטערען יעדעם איינצעלנעם אנצואווענדען זיינע קרעפטען אויף וואס ער וויל און צו וואס ער האט חשק, נאר מען מוז נאך עפעס צוגעבען צו דעם אין א זיטטליך-איינגעארדנעטער געזעלשאפט, און מען דארף דערצו צוגעבען די סאלידאריטעט (אחדות) פון די אינטערעסען, די געמיינזאמקייט און די געגענזייטיגע הילף אין דער אללגעמיינער ענטוויקלונג.

נאך איהר זיטטליכער אידעע נאך האלט זיך די בורזשואזיע אן דער מיינונג, דאס דער ריינער זיטטליכער צוועק פון דער מלוכה בעשטעהט נאר אין דעם אליין צו בעשיטצען די פרייהייט און דאס אייגענטום פון יעדער איינצעלנער פערזאן.

דאס איז די אידעע פון א נאכטוועכטער, פון א פאלי-

ציישקען, מיינע העררען! דאס איז א נאכטוועכטער=אידעע דערפאר, ווייל זי שטעללט פאר די מלוכה נאר אין דער געשטאלט פון א נאכטוועכטער, וועלכער בעשעפטיגט זיך גאר דערמיט צו פערהיטען די שטאדט פון גנבה און גזלה, ליידער אבער איז דיזע נאכטוועכטער=אידעע אנגענומען ניט נאר פון די ליבעראלען אלליין, נאר גאנץ אפט אויך פון פיעלע כלומר'שדיגע דעמאקראטען צוליעב די אונפאלקאמע ענטוויקלונג פון זייערע געדאנקען. ווען די בורזשואזיע וואלט וועלען זיך דערריידען ביז'ן סוף, דאן וואלט זי נאך איהרע אייגענע געדאנקען נאך מוזען איינשטימען, דאס די גאנצע מלוכה וואלט געווען גאר איבעריג, ווען עס וואלט מעהר ניט געווען קיין גנבים און גזלנים*).

גאנץ אנדערש, מיינע העררען, פערשטעהט דעם צוועק פון דער מלוכה דער פיערטער שטאנד, און ער פערשטעהט איהם טאקי אזוי, ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט.

די היסטאריע, מיינע העררען, איז א קאמפף מיט דער נאטור; א קאמפף מיט דעם עלענד, אונוויסענהייט, ארעמקייט און שוואכקייט, אין וועלכער מיר האבען זיך געפונען גאר אין

*) אזא אידעע וועגען דער מלוכה, וועלכע פערניכטעט אייגענטליך די מלוכה גופא אין מאכט פון איהר מעהר ניט, ווי א גאנץ איינפאכע בירגערליכע געזעלשאפט פון עגאאיסטישע אינטערעסען, אט די אידעע געהערט דעם ליבעראליזמוס און דאס זיך פון איהם היסטאריש ענטוויקעלט. ביי דער מאכט, וועלכע די אידעע דאס יעטצט דערגרייכט, און וועלכע איז דאס גרעסער, וואס אבערפלעכליכער זי איז, בילדעט די אידעע אן אמת'ע געפאהר פון גייסטיגע און מאראלישע פערדארבענהייט, די אמת'ע געפאהר פון א „מאדערנע בארבאריי", וועלכע עס עקסיסטירט היינט. אין דייטשלאנד קעמפפט, צום גליק, געגען דיזע אידעע די אלט-גריכישע און רוימישע בילדונג, וועלכע איז געווארען דער פעסטער פונדאמענט פון דייטשען גייסט. פון דיזער אלטער ציוויליזאציאן שטאמט די מיינונג, דאס „דעם בעגריף וועגען מלוכה דארף מען מאכען זא ברייט אויף ווי פיעל מען קען איהם, נאך מיין מיינונג, פערברייטערען, ווייל די מלוכה דארף בלייבען אזא איינריכטונג, אין וועלכער זאלען פערווירקליכט ווערען אללע בעסטע מעלות פון דער מענשהייט". (אויגוסט בעק'ס ווערטער, פון דער רעדע, וועלכע ער דאט געהאלטען אין אוניווערזיטעט דען 22-טען מערץ 1862 יאהר). לאססאל.

אנפאנג, ווען די מענשהייט איז ארויס אויף די היסטארישע סצענע. די אונאויפהערענדע בעזיגונג פון דיזע שוואכקייטען — דאס איז די ענטוויקלונג פון פרייהייט, וועלכע די היסטאריע שילדערט פאר אונז.

אבער אין דיזען קאמפף וואלטען מיר קיינמאל ניט קענען מאכען קיין איינציגען שריט פארווערטס, ווען מיר וואלטען זיך האלטען בעזונדער, יעדערער פאר זיך, יעדער אליין.

דורכצופיהרען דיזע ענטוויקלונג פון פרייהייט, פיהרען די מענשהייט צו דער פרייהייט, — אט דאס איז די פונקציאן, די ארבייט פון דער מלוכה.

די מלוכה האט דעם צוועק צו פעראייניגען אללע בעזונדערע פערזאנען אין איין זיטטליכע איינהייט; א פעראייניגונג, וועלכע פערשטארקט אין מילליאן מאל מעהר די קרעפטען פון אללע איינצעלנע, וואס געפינען זיך אין דיזען פערבאנד, און וועלכע פערגרעסערט אין מיליאן מאל מעהר די קראפט, וואס יעדער איינצעלנער קען אנווענדען און בענוטצען.

דער צוועק פון דער מלוכה בעשטעהט אלזא ניט אין דעם, דאס מען זאל בעשיטצען די פערזענליכע פרייהייט און אייגענטום פון יעדען איינצעלנען, פונקט עפעס אזוי ווי יעדער איינצעלנער האט שוין זיין פערזענליכע פרייהייט און אייגענטום גלייך ביי'ן אריינטרעטען אין די מלוכה, ווי עס קומט אויס נאך דער אידעע פון דער בורזשואזיע; ניין, דער צוועק פון דער מלוכה בעשטעהט אין דעם, דאס דורך די אחדות, דורך די פעראייניגונג פון אללע מענשען, זאל יעדער איינצעלנער האבען די מעגליכקייט צו ערדייכען אזעלכע צוועקען און דערגעהען ביז אזא הויכע מדרגה אין לעבען, וועלכע ער וואלט קיינמאל ניט קענען ערדייכען, זייענדיג אבגעזונדערט פון אלעמען. דער צוועק פון דער מלוכה בעשטעהט אין דעם, דורך

די פערבינדונג און אחדות צו געבען אללע מענשען די מעגליכקייט צו ווערען אזוי געבילדעט, מעכטיג און פריי, וואס יעדער איינצעלנער, פערבלייבענדיג פאר זיך אליין, וואלט עס קיינמאל ניט געקענט ערדייכען.

דער צוועק פון דער מלוכה איז אלזא צו געבען יעדען מענשען די מעגליכקייט פערנאנדערצואוויקלען אללע זיינע קרעפטען און פיהרען איהם צו א׳ן ווייטערע און העכערע ענטוויקלונג. מיט אנדערע ווערטער: איהר צוועק איז צו פערווירקליכען די קולטור, ד. ה. די בילדונג און ציוויליזאציאן, צו וועלכע די מענשהייט איז פעהיג; זי דארף ערציהען און ענטוויקלען די גאנצע מענשהייט צו פרייהייט.

דאס איז די אמת׳ע און הויכע אויפגאבע פון דער מלוכה, איהר ריכטיגע זיטטליכע נאטור, אויף אזוי ווייט איהר נאטור, אז דאס לעבען גופא האט אימער אין אללע צייטען געצוואונגען די מלוכה דורכצופיהרען מעהר אדער וועניגער דיזע אויפגאבע; זי האט עס אפט געטהאן אפילו אהן איהר איינענעם ווילען, גאר אונבעוואוסט און אפטמאל געגען דעם ווילען פון איהרע פיהרער.

אבער דער ארבייטערקלאסס, מיינע הערען, און בכלל די אונטערע קלאססען פון דער געזעלשאפט פיהלען ביי זיך זעהר טיעף, דורך די טרויעריגע לאגע, אין וועלכער די מיטגליעדער פון דיזע קלאססען געפינען זיך אלס איינצעלנע פערזאנען, אז דער צוועק פון דער מלוכה בעשטעהט און מוז בעשטעהען אין דעם — צו העלפען יעדען איינצעלנעם, דורך די פעראייניגונג פון אללע, צו ערדייכען אזא ענטוויקלונג, וועלכע ער איז ניט אים שטאנד צו ערדייכען, זייענדיג בעזונדער, פאר זיך אליין.

אזא מלוכה אלזא, וועלכע וואלט געווען געגרינדעט אויף

דער הערשענדער אידעע פון דעם ארבייטערקלאסס, וואלט שוין ניט זיין ווי אללע אנדערע מלוכות ביז יעטצט, וועלכע האבען פערווירקליכט די אויפגאבע פון קולטור און ציוויליזאציאן — אויף ווי פיעל זיי האבען עס געטהאן — געגען זייער אייגענעם ווילען און ווייל דאס לעבען אלליין האט זיי געצוואונגען דערצו. ניין, אינטער דער הערשענדער אידעע פון דעם ארבייטערקלאסס וואלט די מלוכה פערווירקליכען איהר אמת-זיטטליכע אויפגאבע מיט דער העכסטער קלארהייט און מיט דעם פאָ, קאמענען בעוואוסטזיין. זי וואלט פרייוויליג און פאלקאם ערפיללען דאס, וואס מען האט ביז יעטצט נאר שטיקעכווייז ארויסגע־ריסען מיט געוואלט געגען דעם וויללען פון די פריווילעגירטע קלאססען. און טאקי דורך דיזע פרייוויליגקייט און פאלקאמענהייט וואלט זי נויטווענדיג ארויסגערופען — פאר וואס נויטווענדיג, האבען מיר דא ניט גענוג צייט אויספיהרליך צו ערקלערען — אזא אויפבליהונג פון מענשליכען גייסט, אזא גרויסע כוממע פון גליק, בילדונג און פרייהייט, אז אזא ביישפיעל איז נאך ביז יעטצט אין דער וועלט-געשיכטע ניט געווען, און אין פערגלייך מיט דעם וועלען אללע גלענצענדע עפאכען פון די פריהערדיגע צייטען אויסווייזען נאר ווי א דונקעלער שאטען.

אט דאס, מיינע הערען, מוז מען אנרופען די אידעע פון ארבייטערקלאסס וועגען דער מלוכה, זיין בעגריף וועגען איהרע צוועקען און שטרעבונגען. ווי איהר זעהט, איז דיזער בעגריף פון דעם ארבייטערקלאסס אזוי ווייט פון דעם בעגריף וועגען די צילען פון דער מלוכה, אין וועלכען די בורזשואזיע האלט זיך, ווי ווייט דער פרינציפ פון ארבייטערקלאסס, אז אללע דאר־פען נעהמען א גלייכען אנטהייל אין דער פיהרונג פון דער מלוכה, ד. ה. דער פרינציפ פון אללגעמיינעם וואהלרעכט, איז ווייט פון

דעם פרינציפ, וועלכע די בורזשואזיע האט אויסגעארבייט, דעם פרינציפ פון צענז.

דיזע אללע אידעען, וועלכע איך האב אייך דא ערקלערט און ענטוויקעלט, בילדען אין זייער צוזאמענהאנג דאס, וואס איך רוף אן די אידעע פון דעם ארבייטערקלאסס. אט די אידעע האב איך טאקי אין זינען געהאט, ווען איך האב אין אנפאנג פון מיין פארטראג גערעדט וועגען דעם ספעציעלען צוזאמענהאנג צווישען די היסטארישע עפאכע, אין וועלכער מיר לעבען, און די אידעע פון דעם ארבייטערקלאסס. אויף דיזער היסטארישער עפאכע, וועלכע האט זיך אנגעהויבען פון פעברואר 1848 יאהר, ליגט די אויפגאבע צו פערווירקליכען דיזע אידעע, און מיר קענען זיך בעגריסען, מיינע הערען, וואס מיר זיינען געבארען אין אזא צייט, וועלכער איז בעשערט צו זעהען די פערווירקליכונג פון דיזער הערליכער ארבייט פון דער היסטאריע, און אין וועלכער מיר האבען דעם גליק צו נעהמען א נוטצליכען אנטהייל אין דער ארבייט.

אבער פון דעם, וואס מיר האבען ביז יעטצט געזאגט, קומט ארויס, דאס אויף די, וועלכע געהערען צו דעם ארבייטער־קלאסס, ליגט יעטצט א חוב גאר אנדערש זיך אויפצופיהרען.

קיין זאך איז ניט אזוי אים שטאנד ארויפצולעגען אויף א געוויסען קלאסס דעם אויסגעדריקטען צייכען פון זעלבסטווירדע און טיעפע זיטטליכקייט, ווי דער בעוואוסטזיין, אז ער דארף ווערען דער הערשענדער קלאסס, אז ער איז בערופען צו מאכען דעם פרינציפ פון זיין קלאסס פאר דעם אללגעמיינעם פרינציפ פון דער עפאכע, אין וועלכער ער לעבט; אז זיין אידעע דארף ווערען די אנפיהרענדע אידעע פון דער גאנצער געזעלשאפט און אז ער דארף אויסגיסען דעם פארם פון דער געזעלשאפט נאך זיין אייגענער געשטאלט.

אט די הויכע עהרע, אט דער גרויסער כבוד, וועלכען די וועלט-געשיכטע האט אייך פערשאפט ארויפלעגענדיג אויף אייך אזא הויכע אויפגאבע, מוז פערנעהמען אללע אייערע געדאנקען און שטרעבונגען. אללע שלעכטע מדות (אויפפיהרונגע) פון די אונטערגעדריקטע, די פוסטע הבלים פון מענשען מיט קינדישען שכל און אפילו דער אונשולדיגער לייכטזינן פון טויגעניכטסען — דאס אללעס פאסט אייך מעהר ניט. איהר זייט דער פעלז, דער שטיינערנער פונדאמענט, אויף וועלכען דער טעמפעל פון היינטיגער צייט דארף אויפגעבויט ווערען!

דיזער איינציגער געדאנק און זיין הויכע זיטטליכקייט מוז מיט א געוואלטיגער צוציהענדער קראפט ארומנעהמען אייער גייסט, דורכדרינגען אללע אייערע רעיונות און אזוי איינארדנען אייער גאנצען לעבען, דאס איהר זאלט אימער האבען אין זינגען דיזען געדאנק, און אייער גאנצע אויפפיהרונג זאל איהם ווערטה זיין און זאל איהם פאסען. דיזער געדאנק טאר אייך קיינמאל אין ערגעץ ניט פערלארען; ער מוז מיט אייך אימער זיין צוזאמען — אין דער צייט ווען איהר שטעהט אין ווערקשטאט ביי דער ארבייט, אין אייערע אברוה-שטונדען, אין אייערע שפאצירגאנגען, אין אייערע צוזאמענקומען און פערזאמלונגען, און ווען אפילו איהר לעגט זיך צו אברוה אויף אייער הארטען געלעגער, מוז אייער נשמה זיין אלץ פערנומען מיט דיזען געדאנק ביז דער גאטט פון חלומות נעהמט זי ניט איבער צו זיך אין די הענד. וואס מעהר איהר וועט זיך פערטיעפען אין דיזען געדאנק און וואס היטציגער און שטארקער איהר וועט זיך צו איהם איבערגעבען, אלץ מעהר — זייט זיכער אין דעם — וועט איהר דערגענטערען די צייט, אין וועלכער אונזער יעטצטיגע היסטארישע עפאכע וועט פערווירקליכען איהר אויפגאבע. אלץ שנעלער וועט איהר ערפיללען דיזע אויפגאבע.

ווען צווישען איך אללעמען, מיינע הערען, וועלכע האבען מיך דא געהערט, וועלען זיך געפינען האטש מעהר ניט ווי צוויי אדער דריי מענשען, אין וועלכע מיר האט געלונגען אנצוצינדען דעם זיטטליכען פלאם פון דיזען געדאנק, אין דעם טיעפען זינגען, ווי איך האב עס איך געשילדערט, — וועל איך דאס שוין אנגעהמען פאר א גרויסען געווינס און וועל מיך רעכענען רייך בעלאהנט פאר מיין פארטראג.

איבערהויפט, מיינע הערען, דארפט איהר זיין ווייט פון וועלכער עס איז מוטהלאזיגקייט און צווייפעל, צו וועלכע איניגע היסטארישע פאקטען קענען אפט בריינגען, ווען מען בעטראכט זיי אבערפלעכליך.

אזוי איז עס, צום בייספיעל, ניט ריכטיג, אז די צווייטע פראנצויזישע רעפובליק איז אונטערגעגאנגען דורך די איבערקעהרענים אין דער מלוכה, וואס איז פארגעקומען דען 2 דעצעמבער 1851 יאהר.

דאס, וואס איז דאמאלס אין פראנקרייך אונטערגעגאנגען, איז גאר קיין רעפובליק ניט געווען. דאס איז געווען א רעפובליק, וועלכע, ווי איך האב איך דערצעהלט, האט פערניכטעט דאס אללגעמיינע וואהלרעכט דורך דעם געזעטץ פון 30 מאי 1850 יאהר און וועלכע האט אין א פערשטעללטע פארמע איינגעפיהרט דעם צענז געגען די ארבייטער. דאס איז געווען א בורזשוא-רעפובליק, וועלכע האט געוואללט ארויפלעגען דעם שטעמפעל פון דער בורזשואזיע, די הערשאפט פון קאפיטאל, אויף די רעפובליקאנישע מלוכה, און דאס האט געגעבען נאפאלעאן דעם III, דורך דעם וואס ער האט כלומערישט ווידער איינגעפיהרט דאס אללגעמיינע וואהלרעכט, די מעגליכקייט צו פערניכטען די רעפובליק און ווערען קיסר פון פראנקרייך. ווען דאס וואלט ניט געווען אזוי, וואלט ער אנגעטראפען אין

דער ברוסט פון פראנצויזישען ארבייטער אזא מורא'דיגע וואנד געגען זיך, וועלכע ער וואלט בשום אופן ניט קענען דורכברעכען.

אלזא דאס, וואס דאמאלס האט זיך אין פראנקרייך ווירקליך ניט געקענט איינהאלטען און איז ווירקליך אונטערגעגאנגען, איז ניט געווען קיין רעפובליק, נאר די בורזשוא-רעפובליק. און אזוי בעווייזט אונז אויך דיזער ביישפיעל, נאך א ריכטיגער און קלארער בעטראכטונג, דאס די היסטארישע עפאכע, אין וועלכע מיר זיינען אריינגעטרעטען פון דעם מאנאט פעברואר 1848 יאהר אן, קען ניט פערליידען מעהר קיין מלוכה — זי מעג זיך זיין א מאנארכישע אדער רעפובליקאנישע, — וועלכע וויל ארויפלעגען אויף די געזעלשאפט אדער איינהאלטען אין איהר דעם הערשענדען פאליטישען פרינציפ פון דעם דריטען שטאנד.

דער, וואס שטעהט אויף די הויכע בערג-שפיטצען פון דער וויסענשאפט, מיינע הערען, דער זעהט דעם מארגענשטערען פון נייעם טאג פריהער איידער די, וואס געפינען זיך אונטען, אין דעם געטומעל און גערודער פון טעגליכען לעבען.

האט איהר ווען עס איז געזעהען, מיינע הערען, דעם זוננאויפגאנג, קוקענדיג פון א הויכען בארג?

א פורפור-רויטער שטריך פארבט אין בלוטיגע קאלירען דעם ווייטען עק פון הימעל, בריינגענדיג די גוטע בשורה, אז די גאלדענע זונן געהט אויף, עס הייבען זיך אויף נעבעל (טומאנען) און וואלקען; זיי הייבען זיך אויף, פרעסען זיך צונויף, ווארפען זיך געגען דעם מארגענשטערען און פערדעקען אויף א ווייילע זיינע שטראהלען — אבער קיין מאכט אויף דער ערד איז ניט אים שטאנד צו פערהאלטען דעם לאנגזאמען און העררליכען אויפגאנג פון דער זונן, און אין א שטונדע ארום שטעהט זי שוין אין לויטערען הימעל, שיינענדיג אויף די גאנצע וועלט

מיט א העללער ליכטיגקייט און בעגיסענדיג אללעס מיט א ליעבליכער ווארעמקייט.

וואס עס דויערט נאר איין שטונדע אין דיזען פראכטפאללען בילד פון דער נאטור יעדען טאג, דאס דארף געדויערען איינינע צעהנדליג יאהר אין דעם נאך מעהר גרויסארטיגען און העררליכען בילד פון א היסטארישען זונגאויפגאנג.

ק. מארקס און פר. ענגעלס. דער מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ד. פינסקי. אין משוגעים־הויז (מאָנאָלאָג).

ק. קאוטסקי. קלאַסען אינטערעסען.

מ. טערמאַן. רעליגיאָן און קלאַסען־געגענזאַטצע.

א. טהון. די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוססלאַנד

נעמאינסקי. די פּאַריזער קאָמונע פון 1871 יאָהר.

א. בעבעל. די פרוי און דער סאָציאַליזמוס.

פּרץ הירשביין. וויטע אין נאָהענטע. בילדער אין פיער אַקטען.

נ. ריאזאנאוו. דער 19 פעברואַר.

האָפמאַן. די פּראָסטיטוציע און דאָס פרויען־האַנדעל.

* * * די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג אין ענגלאַנד.

א. הא. די סאָציאַליסטישע פראַקציאָן אין דעם ציוניזמוס.

בעמערקונג: די, וואָס שרייבען אויס מעהר ווי אויף 2 רובל, צאָהלען ניט פאַר'ן איבערשיקען.

די אַדרעססע:

Вильна, книгоиздательство „ДИ ВЕЛТЪ"

פֿערלאַג „די וועלט"

עס זיינען אַרויס פֿון דרוק:

	קאָפּ.	סענט.	פּעני.	פּפעניג.	סאַנטים.
ד. פינסקי. היינטיגע יונגע לייט (מאָנאָלאָג).	1	1	½	4	5
ד. פינסקי. ערב יום כפור } פּרייז - -	2	2	1	8	10
ה. ד. נאָמבערג. מען וויקט }					
ד. פינסקי. די פֿאַמיליע צבי - - -	12	12	6	48	60
מ. דיקשטיין. פֿון וואָס איינער לעבט.	5	5	2½	20	25
מ. שיפּפּעל. די עקאָנאָמישע איבערקע־רענישען אין די ענטוויקלונג פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע - - - -	5	5	2½	20	25
לעווין. אין אַ פֿינסטערע נאַכט (ערצעה־לונג) - - - - - - - -	2	2	1	8	10
פּ. יושקעוויטש. וועגען וואַהלרעכט - -	7	7	3½	28	35
* דער קליינבירגערליכער סאָציאַ־ליזמוס איפּ׳ן יודישען באָדען - -	4	4	2	16	20
* ערצעהלונגען איבער דער געשיכ־טע פֿון דער ערשטער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע - - - - - -	6	6	3	24	30
ק. קאַוטסקי. דאָס ערפֿורטער פּראָגראַם אין 6 העפֿטען, יעדעס העפֿט 5 ק. (מיט פּאָרטאָ 40 ק.)	30	30	15	120	150
בעללאַמי. אין הונדערט יאָהר אַרום - - (מיט פּאָרטאָ 33 ק.)	25	25	12½	100	125
פּ. לאַסאַל. רעכט און מאַכט (דער עיקר פֿון אַ קאָנסטיטוציע) - - - - -	6	6	3	24	30
פּ. לאַסאַל. די אַרבייטער און די געזעל־שאַפֿטליכע קלאַסען (דאָס אַרבייטער פּראָגראַם) - - - - - -	8	8	4	32	32
פּאַל עוו. צדקה (ערצעהלונג) - - - -	2	2	1	8	10
ק. קאַוטסקי. קאָנסום פֿעראיינען - - -	6	6	3	24	30
* פֿרידריך ענגעלס (לעבענס־בעשרייבונג) - - - - - - -	10	10	5	40	50
ק. קאַוטסקי. די סאָציאַלע רעפֿאָרמען און די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן - - -	15	15	7½	60	75
* צו דער געשיכטע פֿון דער בעלגישער אַרבייטער־בעוועגונג - -	10	10	5	40	50
פּאָל לאַפֿאַרג. רעליגיאָן פֿון קאַפּיטאַל -	„	„	„	„	„
* פּערזענליכע ערינערונגען.	—	—	—	—	—